STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07552

FUN ALE NA-VENADN

Avraham Zak

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם זאַק / פון אַלע ווענדן

צו חשובער פֿרײַנד אין
לאַנדסלײַט פֿאַריין אין דער
שטאָט — מיט דאַנקבאַרקייט
פֿאַר אײַער צוזאָג אין
[illegible] [illegible].

אברהם זאַק

3 מײַ 1958

אברהם זאַק

פון אלע נע-ונדן

★

הויפּט־פאַרקויף:
קולטור־קאָנגרעס
1955 בועָנאָס איירעס

Copyright by
A. ZAK
Argentina

הילע־צייכענונג — **לעאָן פּאָך**
צייכענונג פון מחבר — **בען**

ABRAHAM ZAK

FUN ALE NA-WENADN

(DE TODAS LAS PEREGRINACIONES)

BUENOS AIRES — 1955

אברהם זאַק

(צייכענונג פון **בען**, פּאַריז)

אינהאַלט:

זייט

הקדמה — VII

דער פרעמדער הימל

און ווידער טראָגט מיין גורל — 13
דער פרעמדער הימל — 15
דער דופט פון עבר — 16
אומעטום — 18
שאָטנס — 19
קדושים — 20
איך גלויב נישט — 21
עלעגיע — 22
שטילקייט — 23
הימל! — 24
ס'איז אייביק — 25
איך ליג אויף אַ פעלד — 26
אין אַ גאָלדענעם טאָג — 27
ביי דער מאַרגנע — 28
עלעגיע — 29
ווענס האַנט — 30

די שטאָט פון טויזנט חנען

אַ יום־טוב אייביקער — 33
אין פאַרק מאָנסאָ — 35
אויף פלאַץ מאַלזהערב — 36
אויף די „גרויסע בולוואַרן" — 38
אַלט־פאַריז — 40
מאָנמאַרטר ביינאַכט — 42
אויף פלאַץ האָטעל דע וויל — 45
נאַכט אויף פיגאַל — 46
די פרוי פון פיגאַל — 48
דאָס „פלעצל" — 50
אַדיע, פאַריז! — 53

אויף היימישער ערד

א. צום האַפן — 57
ב. איבערן כביש — 58
ג. הר־ציון — 59
ד. מגדל־דוד — 60
ה. אויף הרי יהודה — 61
ו. צווישן זאַמדן — 62
ז. די גבורים פון יד־מרדכי — 63
ח. באר־שבע — 64
ט. אין נגב — 65
י. מאַמע רחל — 66
צו ישׂראל — 67
צו מיין פאָלק — 69

אין שנייאיקע טייגעס

א. אַ פאָטאָגראַפיע — 73
ב. מיר פאָרן — 74
ג. די „זאָנע" — 75
ד. איך קוק פונם באַרג — 76
ה. אויפן ווייטן צפון — 77
ו. אויף די נאַרעס — 78
ז. בריגאַדעס — 80
ח. עס רוישן שמאָלע טורימלעך 82

זייט

ט. די ווייסע נעכט — — — — — 83
י. קיינמאָל נישט — — — — — 84
י״א. ווער וועט וויסן — — — — 85
אין אַ גרויסן לאַנד — — — — — 86
ערשטער מאַי 1946 — — — — — 87

איבער ווייטע ימען

און וויפל באַך וואַנדערן — — 91
טעג אַזוי פיל — — — — — — 92
איבער ימען — — — — — — — 94
פרעמדע ערד — — — — — — 95
אונטער אַ פּאַלמע — — — — — 96
עס פאַלן צו — — — — — — — 97
אין אָוונט־רויש — — — — — — 98
אַ בוים אין סטעפּ — — — — — 99
אַרגענטינער פּייזאַזש — — — — 100
אין גאָלדענעם האַרבסט — — — — 102
אַ בערג־מעשהלע — — — — — 103
דאָס טייכל אין די בערג — — — 105
צווישן שטילקייטן — — — — — 106
פאַרנאַכטיקער וועג — — — — — 107
יאַנוש קאָרטשאַק מיט זיינע
קינדער — — — — — — — 108
פון וועלדער פּאַרטיזאַנישע — 110

פון בוך:

„וועררבעס ביים וואַסער״

אַ פרעמדע — — — — — — — — — 113
אַ שטאָטישער פּייזאַזש — — — — 114
אומעט אין שלייער — — — — — — 115
אַ שטאָט — אַ פּלאָנטער — — — 116
כ׳וויל אַנטלויפן — — — — — — — 117
דער לעצטער מענטש — — — — — 118
נישט פרעג! — — — — — — — — 119
אַ טאַנגאָ — — — — — — — — — 120
וואַסערפאַל — — — — — — — — 122
מיט דיינע פרילינגס, וועלט — — 123
לעצטער אַקאָרד — — — — — — — 124
אויפן רהיין:
א. ס׳איז יענער טאָג — — — — — 125
ב. צום רהיין — — — — — — — 126
די ערד — — — — — — — — — — 127

אַלטע היים

אַלטע היים — — — — — — — — 131
ליטווישע שטעטלעך — — — — — 132
ליטע — — — — — — — — — — 134
נאָוועמבער — — — — — — — — 137
דאָס אייביקע בערגל — — — — — 138

**
*

אין דער דאָזיקער זאַמלונג קומען אַריין לידער, געשריבענע אין די לעצטע יאָרן, טייל געדרוקטע אין פאַרשיידענע צייטשריפטן, טייל נאָך נישט פאַרעפנטלעכטע.

דער פאַר־לעצטער ציקל טראָגט דעם נאָמען „ווערבעס ביים וואַסער". דאָס איז דער נאָמען פון אַ בוך, וואָס איז שוין געהאַט געווען אין דרוק און האָט געזאָלט דערשיינען אין וואַרשע, ביים יידישן פען־קלוב, אין 1939; אָבער דער בלוטיקער מבול האָט אַלץ אָפּגעשווענקט... פון זינט נאָך דער מלחמה האַלט איך אין זוכן די לידער פון יענעם פאַרלוירענעם בוך. אַ סך פון זיי, געדרוקטע דאָ און דאָרט, איז מיר געלונגען צו געפינען אין וואַרשע, אין דער „ביבליאָטעקאַ נאַראָדאָוואַ", וווּ עס האָבן זיך צום גליק אָפּגעהיט יידישע ביכער און צייטשריפטן. אַלץ, וואָס איך האָב דאָרט געפונען און איבערגעשריבן, איז אַריין אין מיין בוך „יאָרן אין וואַנדער" (פאַרלאַג „דאָס פוילישע יידנטום", בוענאָס־איירעס 1949). שפּעטער, אין פּאַריז, און איצט אין בוענאָס־איירעס, האָבן איך אויסגעזוכט אין „ייוואָ" נאָך אַ קליינעם טייל פון יענע פאַרלוירענע לידער און זיי אַריינגעבראַכט צווישן די טאָוולען פון דער דאָזיקער זאַמלונג, אין ציקל „ווערבעס ביים וואַסער" — אַ חוץ עטלעכע פּאַריזער מאָטיוון מיט דער דאַטע 1929, וועלכע קומען אַריין אין ציקל „די שטאָט פון טויזנט חנען" צוליב זייער טעמאַטיק.

אגב איז כדאי צו באַמערקן: אין דאָזיקן פאַרמלחמהדיקן ציקל געפינען זיך צוויי לידער וועגן רהיין, געשריבן אין 1929, בעת אַ באַזוך אין קעלן. ס'איז כאַראַקטעריסטיש ווי אַזוי אַ יידישער מענטש האָט **דעמאָלט** געזען דעם פיל־באַזונגענעם רהיין; מיט וואָסערע אויגן האָט ער אויפגענומען זיין בלויע פּראַכט. **איצט** אָבער איז דער רהיין — ווי אַלע דייטשישע טייכן — פאַר אַ יידישן דיכטער נישט **בלוי**, נאָר **רויט**, — רויט פון יידיש בלוט... און פון זיינע רויטע וואַסערן, אין לבנה־נעכט, זעט ער נישט אויפטויכן די לאָרעליי, נאָר די שאָטנס פון אונדזערע קדושים — — —

און נאָך עטלעכע באַמערקונגען:

וואָס שייך דעם ליד „ערשטער מאַי 1946": דער דאָזיקער צייט־מאָטיוו איז אין עצם פון **דאָקומענטאַרישן** כאַראַקטער. ער קומט צום סוף פון ציקל „אין שנייאיקע טייגעס" און מ'וועט אים אפשר אין פלוג קאָנען אָננעמען פאַר אַ מין „העפּי ענד" פונעם טראַגישן עפּיזאָד **קאָמי...** אין דער אמתן געפינט ער דאָ זיין תיקון פשוט מחמת דער כראָנאָלאָגיע פון מיינע וואַנדערונגען. עס איז אַ צייט־ליד, געשריבן אונטערן פרישן רושם פון אַ ריזיקער 1טער מאַי־מאַניפעסטאַציע איבער לאָדזשער פּעטריקאָווער גאַס, אין 1946. ס'איז געווען דער ערשטער 1טער מאַי־צוג נאָך דער באַפרייאונג, אין דער עקזאַלטאַציע פון נצחון איבער די דייטשישע תלינים. אין דאָזיקן צוג האָבן זיך באַטייליקט אַלע, אָן אויסנאַם, סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, די פּוילישע צוזאַמען מיט די יידישע, פון עקסטרעם לינק ביז רעכט — פון דער לאַנדספּאַרטיי „פּ. פּ. ר.", ביז די רעכטע פּועלי־ציון. האָט דעריבער די דאָזיקע אויגנשיינלעך האַרמאָנישע, פאַרברידערטע מאַסע מיטגעריסן... און ווען די זעלבע טאָלעראַנץ און פרייהייט וואָלטן אין פּוילן כסדר אָנגעהאַלטן, וואָלט די יידישע שארית־הפליטה פון דאָרט נישט אַזוי בהלהדיק געלאָפן און עס וואָלט זיך אין פּוילן געקאָנט צעבליען איינער פון די שענסטע, הגם נישט גרעסטע, יידישע ישובים צווישן די תפוצות ישראל.

דער צייט־מאָטיוו „צו מיין פאָלק" (אין ציקל „אויף היימישער ערד") איז געשריבן געוואָרן אונטערן רושם פון דער יידישער מלחמה אין ישראל

(1948) — קורץ נאָך אונדזערע פינצטערע יאָרן פון חורבן און אומקום; נאָך דער טראַגישער „לעקציע״, וואָס מיר האָבן באַקומען פון אומות־העולם...

די עטלעכע לידער און פּאָעמעס אינעם ציקל „אַלטע היים״ געהערן צו אַ פריערדיקן פעריאָד, ווייט פון אונדזער חורבן. איצט איז שוין די **אַלטע היים** נאָר אַן **אַבסטראַקציע...** זי לעבט נאָר אין די הערצער און נשמות פון אונדזער פיל־געפּרוּווטן דור. און אין אַספּעקט פון חורבן הערן אויף די היים־לידער צו זיין סתם זכרונות און רעמיניסצענצן — זיי ווערן קדישים...

און צום סוף:

כ׳האָב זיך לאַנג געוואַקלט מיטן אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע בוך, מחמת דעם שווערן פּראָבלעם פון פאַרשפּרייטונג. עס איז היינט, נאָכן „חורבן השלישי״, אַפילו פּראָזע־ביכער שווער צו פאַרשפּרייטן, בפרט לידער. און נאָך שווערער איז עס, ווען אַ מחבר וויל אַליין נישט זיין קיין מוכר־ספרים... און, צום באַדויערן, מוזן יידישע דיכטער אין ניינציק פּראָצענט פאַלן זיין אַליין די פאַרלעגער פון זייערע לידער־ביכער, אָדער אָנקומען צו קאָמיטעטן, וויל נישט נאָר פּריוואַטע פאַרלאַגן, — וויפיל און ווו זענען זיי דען איצט דאָ? — נאָר אַפילו **געזעלשאַפטלעכע** טענהן על פּי רוב: „לידער ניט זשעלאַיעם״...

עס קומט דעריבער אַ דאַנק עטלעכע מיינע פּערזענלעכע פריינט, — טרייע קולטור־עסקנים און פריינט פון יידישן בוך, — וועלכע האָבן גענומען אויף זיך די זאָרג פון פאַרשפּרייטן דאָס דאָזיקע בוך. דאָס האָט מיך טאַקע דערמוטיקט כ׳זאָל עס איבערגעבן צום דרוק.

אברהם זאַק

בוענאָס־איירעס, סעפּטעמבער 1955.

דער פֿרעמדער הימל

און ווידער טראָגט מיין גורל...

און ווידער טראָגט מיין יידיש גורל מיך אויף באַנען.
ער טראָגט מיך צו אַ ווייטער, אומבאַקאַנטער וועלט.
כ'געזעגן, פוילן, דיך אַצינד, דיין ערד, דיין הימל.
כ'נעם מיט אין האַרץ אַן עלנט נאָר, אַ וויסטע קעלט.

געלאָזן אויף די פעלדער דיינע נאָר בית־עולמס,
געלאָזן כ'האָב מיין פאָלק ביי דיר אין אַש צעשפּרייט.
פון אַלע געטאָ־חורבות טראָג איך מיט דעם טרויער,
וואָס אומעטום און תמיד, תמיד מיך באַגלייט.

אין שטעט און שטעטלעך יידישע געלאָזן הפקר
די שולן, בתי תפילה, פוסטע, אָן איין ייד.
נישטאָ קיין דאַוונערס דאָרט, קיין תפילות, קיין קדישים.
אויף די בית־עולמס פּאַשען ציגן זיך אין מיט.

געוועזן, פוילן, כ'בין ביי דיר אויף קבר אבות,
אויף בערגלעך ציגל און אויף קופּעס שטויב און ליים.
נאָר ווו די קברים פון מיין קינד און פון מיין מאַמען?
געפונען נאָר מיין וויסטע גאַס, מיין וויסטע היים.

איז ווידער טראָגט מיין יידיש גורל מיך אויף באַנען,
ער טראָגט מיך צו אַ ווייטער, אומבאַקאַנטער וועלט.
אַז פרעמד איז, פוילן, איצטער מיר דיין ערד, דיין הימל.
אַלץ ווייעט איצט אויף מיר מיט קבר און מיט קעלט.

פּאַריז, 1948.

דער פרעמדער הימל

ס׳קאָן אויך דער פרעמדער הימל זײַן צו דיר ווען מילד און גנעדיק,
און ליב קאָן ווערן דיר אַמאָל די פרעמדע ערד.
זי קאָן געוויס אויך געבן דיר די לעצטע דלד אמות,
אויב ס׳איז דער סוף אין מיטן וואַנדערונג באַשערט.

עס קאָנען ווערן ווייך אַפילו שטיינער דיר צוקאָפּנס,
ווי דאָ, פאַר יעקבן, בײַם לייטער־טרוים אין פעלד.
דאָך היים איז אַנדערש, היים איז עפּעס אַנדערש, היים איז מאַמע,
אַ מאַמע איינע נאָר פאַראַן איז אויף דער וועלט — —

וויטעל, 1949.

דער דופט פון עבר

דער דופט פון עבר איז צו מיר דערגאַנגען
אויף אַ פרעמדן, אומבאַקאַנטן, גרינעם פעלד.
עס האָט אַ קאָרן־בלימל צווישן העלע זאַנגען
אַ ווייז געטאָן פאַר מיר מיין טויטע, ליבע וועלט.

אַ בונטער שמעטערלינג איז העל פאַרבייגעפלויגן,
מיט סאַמעט־פליגעלעך אַ גלעט געטאָן מיך דין.
ווי דאָן, ווי דאָן... עס שטייט־אויף אַלץ פאַר מיינע אויגן:
די לאָנקע און דאָס טייכל, שוועלבעלע און בין.

איך זע אַ הויפן הייזלעך אין אַ טאָל באַהאַלטן,
דאָך אונטער בלויען הימל, אונטער ווייסער זון.
איך זע אַפילו ס׳בערגל פון בית־עולם אַלטן,
די שטיינער, די כהנים־הענט און דעם פ״נ.

— — — — — — — — — — — —

אַ זוניק־יונגער טאָג פון מיינע יונגע יאָרן.
פאַרחלומט ליג איך אויפן דופטיק־קילן גראָז.
דערנעבן בלענדט פון ווייסקייט טרוקן־רייפער קאָרן,
וואָס וויגט און כוואַליעט זיך ווען ווינטל טוט אַ בלאָז.

איך קוק אין הויכן הימל און איך נעם אויך שוועבן
צוזאַמען מיט דער סטאַדע וואָלקנדלעך ווי שאָף.
העלע די חלומות, העל דאָס יונגע לעבן,
שמייכלט זון פון אויבן: ליב, און גלויב, און האָף...

דער דופט פון וויטן עבר איז צו מיר דערגאַנגען...

ווישי, 1951.

אומעטום...

אומעטום, אין אַלע דיינע פרעמדע וואַנדער־וועגן,
באַגעגנט דיך אַ ליבער בוים מיט שאָטן און מיט רו.
צי־אויס די מידע גלידער דיינע פרעמדער זון אַנטקעגן
און טרוים אַ ווייל, און שליס אַ ווייל די אויגן דיינע צו.

נאָר נישט געפינען ווערסט אין ערגעץ יענע דלד אמות:
עס קאָן דאָס אַש פון ויסטער היים ניט אויפבליִען צוריק, —
ווי ס'קאָנען נישט פון פלאַמען אויפגיין מער די מאַמעס,
די אַלע ברידער פון דער גאַז־קאַמער, צי תליה־שטריק.

אומעטום, ווו דיינע וואַנדער־טריט עס וועלן שפּאַנען
און אומרו טראָגן דיך אין ווייטער נע־ונדער וועלט, —
אומעטום קאָנסטו אַ טרער נאָר לאָזן און דערמאַנען
דיין ווייטע, טויטע היים, דאָס שכנותדיקע גרינע פעלד.

ווערבערי, 1949.

שאַטנס

אומעטום באַגלייט איר מיך, איר אַלע מיינע נאָנטע,
וווהין איך זאָל נישט וואַנדערן, וווהין איך זאָל נישט גיין.
אין נעכט אין לאַנגע, שלאָפלאָזע איר שטייט ביי מיין צוקאָפּנס,
איר קומט צו מיר, איר ווייסט דאָך ווויל: געבליבן כ׳בין אַליין.

איר רעדט צו מיר, איר רעדט צו מיר, איר נעמט מיר אויסדערציילן
פון טעג פון גרויליק־פינצטערע, פון אייער לעצטן וועג — — —
איך שטרעק צו אייך די אָרעמס אויס, איך ווער אַליין אויך שאָטן.
און ס׳דוכט: צוזאַמען כ׳בין מיט אייך דורך פלאַם און רויך אַוועק — — —

ווינטעל, 1949.

ק ד ו ש י ם

אַלע שטומע הימלען שפּיגלען אָפּעט איי׳רע בליקן.
אַלע ווינטן טראָגן אייער אַש און אייער שטויב.
אַלע ערדן ווערן אייערע צעשפּרייטע קברים.
נשמות פלאַטערן אין רוים ווי פליגל פון אַ טויב.

אַלע פייגל זינגען אויס אַ טרויעריקן קדיש.
אַלע וועלדער רוישן אין אַ יאָמערדיק געוויין.
קיינער קאָן פאַרגעסן אייך — אין אַשן און אין שטויבן, —
כאָטש ניט באַשערט קיין קבר אייך, כאָטש ניט באַשערט קיין שטיין...

ווילנע, 1949.

איך גלויב נישט...

איך גלויב דיר מער נישט, זון, עס איז פאַרפּירעריש דיין שמייכל,
און ס'שטעכן מיך ווי שאַרפע שפּיזן דיינע שטראַלן:
האָסט אויך אַזוי געלאַכט, האָסט אויך אַזוי באַחנט געשמייכלט,
ווען ס'זענען קדושים טויזנטער אין ראָוו געפאַלן...

איך גלויב דיר מער נישט, הימל, פאַלש איז מיר דיין תכולת־בלויקייט,
און ס'איז מיר איצטער שוין דיין פרילינג־רייץ דערווידער:
האָסט אויך אַזוי געבלענדט, געבלויט, אָן שאָטן גאָר, אָן כמאַרע,
ווען רוצחים האָבן אויסגעשאָכטן מיינע ברידער!...

פּאַריז, 1950.

ע ל ע ג י ע

מיר דוכט אַמאָל: אָט לאָזט זיך שוין אַראָפּ דער פּאָרהאַנג,
אַ סוף צום וווּנדערשיינעם אויסטערלישן שפּיל.
אין פּוסטן זאַל ווערט פינצטער. לאַנגע נאַכט פון קבר...
און אַלע שיינע שטורעמס גייען אויסעט שטיל.

גיי טענה צום רעזשיסער און זיין רעזשיסירן!
פאַר אָט־דעם קורצן שפּיל אַזוי פיל רעקוויזיט:
אַ הימל און אַן ערד, מיט ימים און יבשה,
מיט באַרג און טאָל, מיט בוים און בלום, מיט פויגל־ליד.

מיט שיינקייטן צעוואָרפן איבער שטעט און לענדער,
מיט רייץ פון זון און שטערן, ליבע און געזאַנג — — —
מיר דוכט אַמאָל: אָט לאָזט זיך שוין אַראָפּ דער פּאָרהאַנג
און ס׳בלייבט פון אַלץ, פון אַלץ אַ הוילער, פּוסטער קלאַנג.

ווישי, 1951.

ש ט י ל ק י י ט

ס׳האָט די שטילקייט געבראַכט פונעם דערפל
אַ מנוחהדיק קריי פון אַ האָן.
ס׳איז נאָך טיפער געוואָרן די שלווה
אין דעם קילן, אין גרינעם גאַזאָן.

אַזאַ רוים, אַזאַ גרין, אַזאַ רחבות!
אַזאַ בלויע און בלי׳ענדע וועלט! —
וויג מיך איין אַזוי, גאָט, אין דיין שטילקייט,
וויג אויף אייביק מיך איין אין דיין פעלד!

וויטעל, 1952.

הימל!

הימל! אײדער כ׳װעל אַװעק —
שפּאַלט זיך כאָטש אַ װײַל,
װײַז מיר גאָט אַלײן!
כ׳גאַר, איך װיל אים פרעגן נאָר:
װאָס דער זין פון ז ײ ן
און פון דעם פ אַ ר ג ײ ׳ ן? — — — —

הימל! לאָז מיך נישט אַװעק —
שטױב צו שטױב, צו ערד,
אין דעם קברס טראַכט — — — —
גאָט! אײן רמז כאָטש, אײן בליץ
אױף מײַן קורצן טאָג,
אױף מײַן לאַנגער נאַכט! — — —

ברי־סיר־מאַרנע, 1952.

ס׳איז אייביק...

ס׳איז אייביק דאָ אַן עפּעס, וואָס פאַרבלענדט, באַרוישט;
וואָס גיט אַ העלע, ראָזע פאַרב דיין טריבן זיין, —
אַפילו ווען דו טרינקסט זיך אינעם תהום פון לייד,
אַפילו ווען דו ברענסט אין גיהנומדיקן פּיין.

ס׳איז אייביק דאָ אַן עפּעס, וואָס דיך לאָקט און האַלט;
וואָס גיט דיר אַ פאַרבאָרגענעם, געהיימען זין, —
אַפילו ווען דו שטייסט שוין אויפן ראַנד פון גרוב,
אַפילו ווען דער טויט פאַרשפּרייט שוין זיין געשפּין.

ס׳איז אייביק דאָ אַן עפּעס... ס׳איז אַמאָל אַ ליד,
אַ כישוף־ליד, וואָס רייצט און פאַנגט דיין קראַנקע זעל.
אַמאָל איז עס אַ שטראַל, אַמאָל — אַ דופט פון פעלד,
אַמאָל — אַ בלויען פויגלס פריילינגדיקער טרעל.

אַמאָל — אַ בליק, אַ שמייכל פון אַ צאַרטער פרוי,
אַמאָל — אַ הייס געפליסטער אין אַ בלויער נאַכט — — — —
ס׳איז אייביק דאָ אַן עפּעס, וואָס פאַרבלענדט, באַרוישט;
וואָס אויך אַן טויט אַפילו דיך פאַרגעסן מאַכט.

ווישי, 1951.

איך ליג אויף אַ פעלד...

איך ליג אויף אַ פעלד מיט פאַרחלומטע אויגן,
עס גלעטן מיך גרעזעלעך מאַמעדיק־דין.
און איבער מיר בלימלעך אויף שטענגלעך זיך בויגן
און וויגן מיך, וויגן מיך איין אינעם גרין.

אָן אַלע קאָשמאַרן פאַרגעסן, פאַרגעסן,
ס'איז גאָרנישט געווען, ס'איז גאָר מער נישטאָ.
די טעג און די נעכט — אַלע וויסטע מעת־לעתן! —
געבליבן די שטילע, די הייליקע שעה.

איך זע נאָר פון אויבן ווי וואָלקנדלעך שוועבן,
איך זינק אינעם בלויען, אין הימלישן ים.
און ס'דוכט מיר: עס הויבט זיך פון ס'ניי אָן דאָס לעבן
און ס'צינדט זיך אין מיר פון דאָס ניי אָן אַ פלאַם.

ווילנע, 1952.

אין אַ גאָלדענעם טאָג

איך האָב פון אַ בערגל אַ שיינקייט דערזען —
עס איז אין אַ גאָלדענעם זון־טאָג געווען:

פון וועלדער, פון פעלדער, פון לאָנקעס אַ גרין,
אין אויער געזשומט האָט אַ פלאַפלענדע בין.

כ׳האָב ווידער דערזען דאָ מיין היים פון אַמאָל:
אַ הויפן פון כאַטעס אין ערגעץ אַ טאָל...

דערזען יענעם הימל, דערפילט יענעם דופט,
און עמעץ מיט צערטלעכע נעמען מיך רופט...

כ׳בין שכור פון רחבות, פון זון און פון בלוי,
כ׳פיל: איבער מיר אייביקייט שפינט זיך אַזוי...

— — — — — — — — — — — — — —

נאָר פלוצלונג אַ שוועב פון אַ פינצטערער קראָ
אין מיטן מיין חלום, אין גאָלדענער שעה,

דערמאָנט מיר, אַז היים איז שוין מער נישט קיין היים...
געבליבן נאָר חורבות, נאָר ציגל און ליים...

און איך... כ׳בין שוין אויך נישט אַזוי ווי אַמאָל:
איצט טראָג איך אין האַרצן די חורבות אָן צאָל...

ווילנע, 1952.

ביי דער מאָרגן

אַ גאָלדענער טאָג ביי דער מאָרגן,
די ברעגעס צעשלענגלט אין גרין.
מיט דעכער מיט רויטע דורך גרינקייט,
מיט סעדער, מיט דופט פון זשאַסמין.

דערמאָנט עס דעם ניעמאַן מיר איצטער —
דעם זילבערנעם טייך פון אַמאָל;
די בערגיקע ברעגעס — קאַלאָזשע, —
די שלווה אין טייכיקן טאָל.

נאָר ווייט יענער טייך, יענער אָ נ ה ו י ב.
פאַרוואָרפן דורך שטחים און צייט.
די גרינע צעפּאַליעטע מאָרגן,
זי ברענגט מיר דעם גרוס נאָר פון ווייט.

ברי־סיר־מאָרגן, 1952.

ע ל ע ג י ע

אָפּט דוכט זיך מיר, עס איז דער לעצטער, לעצטער שמייכל,
וואָס ס'שיקט די זון מיר פונעם הימלס טיפן בלוי;
אַז מאָרגן שוין... ווער ווייסט... עס מאַכט דער קאַלטער שכל
שוין דעם סך־הכל... און ס'ווערט טרויעריק אַזוי...

דו ווילסט אַלץ איינשלינגען: דעם בלוי, די זון, דעם עטער,
דעם טונקלען וואַלד, דאָס בונטע פעלד, די גאָלדנע זאַנג,
די שוואַלבן־שניר אין לופט, דעם שטילן שאָרך פון בלעטער... —
ווי ס'וואָלט געווען אַ ל ע צ ט ע ר גאָב, וואָס דויערט שוין נישט לאַנג...

דו מאַכסט זיך פאָרוווּרף: ווייניק! ווייניק האָסט גענומען
פון אַלע שיינקייטן, וואָס אויפן שויס פון ערד.
דו שפּרייטסט די אָרעמס אויס: וואָלסט אַלץ אַרומגענומען,
פאַרהאַלטן אַלץ, — די וועלט! — וואָס דיר שוין נישט געהערט...

און שטאַרקער נאָך די כישופן פון פרויען־שמייכל,
און שענער, דופּטיקער אַיעדע בלום אין טוי...

— —

אָפּט דוכט זיך מיר... עס מאַכט דער ניכטער־קאַלטער שכל
שוין דעם סך־הכל... און ס'ווערט טרויעריק אַזוי...

ווי̇טעל, 1952.

ווען מענס האַנט?

וועמענס האַנט וועט באַרירן מיין שטערן,
וועמענס בליק וועט מיר געבן אַ טרייסט, —
ווען ס׳וועט קומען דער טויט אין מיין עלנט?
צי פריִער, צי שפּעטער, ווער ווייסט.

ווער זשע וועט מיר פאַרמאַכן די אויגן
אין אַ פרעמדן, אַן עלנטן בעט?
אָדער וועט נאָר אַ נאַכטיקער הימל
פאַרנעמען מיין לעצטן געבעט?

ס׳איז אַזוי שוין דער גורל פון וואָגלער, —
נישט צו קומען קיינמאָל צו קיין ברעג.
ביז אַמאָל אין אַ נאַכט אין אַ שוואַרצער
קומט דער טויט און רייסט איבער די טעג.

פּאַריז, 1951.

די שטאָט פון טויזנט חנען

אַ יום־טוב אײביקער

פּאַריז! פּאַריז! אַ יום־טוב אײביקער אויף דײַנע גאַסן,
עס וואַרפט דײַן אײפל־טורעם פאַקעלן אין יעדער נאַכט.
ביסט אײביק יונג, ביסט שפּילעוודיק ווי אַ צעבליטע יונגפרוי,
דאָס יונגע לעבן זינגט פון דיר אַרויס, עס זינגט און לאַכט.

ביסט פרײַ אַזוי, אָן זאָרג, ווי דײַנע פופציק טויזנט קינסטלער,
וואָס האָבן דיך פאַראײביקט טרײַ אין רײַץ פון בלויען סען.
די פרײַהייט שרײַט אַרויס פון דײַנע קנײַפּעס און טאַווערנעס.
זי שרײַט פאַרנאַכט פון אונטער ערד — פון מעטראָפּאָליטען.

פאַרנאַכט פון אונטער ערד... דאָס קערן זיך אַהיים אום
די מאַסן פון פאַבריקן, ווו די קוימענס שפּײַען רויך.
פון זעלבע הענט מאַזאָליעטע געפאַלן דײַן באַסטיליע;
פון זעלבע הענט אַ פרײַהייט־זײַל איז אויפגעהויבן הויך.

דו שטאָט פון פרײַהייט ניט נאָר פאַר נשמה — אויך פאַר קערפּער!
געפילן ווערן קנעכטיש נישט דערשטיקט אין דיר, פּאַריז!
עס זײַען דײַנע טעכטער לוסט, ווי אין אַ פעסט פון באַקכוס,
זײ וואַרפן הויפנס פרייד אין דײַנע גאַסן, פרײַער ריז!

דו שטאָט, ווו שפּיל און לייכטקייט איז געמישט מיט טיפן ערנסט.
דו שטאָט פון „נאָטר דאַם", פון „לוווּר" און „פּאָלי בערזשער".
אַפּילו אויך די טויטע רוען אין פּאַלאַצלעך:
דיין „פּער לאַשעז" — אַ קונסט־מוזיי! איז קאַרג דאָס אויג אויף טרער.

עס איז אַ קונסט־מוזיי אויך דיין בית־עולם אויף מאָנמאַרטער,
ווו אונטער פּליטעס שכנישע עס ליגן קריסט און ייִד.
ס'הערשט שלום צווישן צלם און „פּה נטמן" איבער טויטע.
אויך אונדזער היינריך היינע רוט דאָרט אין זיין לעצטן פריד.

פּאַריז, 1929.

אין פּאַרק מאָנסאָ

אין פּאַרק מאָנסאָ, אין שאָטן פון די גרינע צווייגן,
ביים פּיאַנאָ זיצט פאַרחלומט פרידעריק שאָפּען.
די שטאָט רוישט ערגעץ הינטער צוים, נאָר דאָ הערשט שווייגן.
דאָ שווימט אַרויס אַ וועלט, וואָס איז אַמאָל געווען...

דער לאָקן־קאָפּ פאַרגאַפּט צו אויסגעטרוימטע ברעגעס,
ס׳קוקט מיטלאַלטערלעך דער דיקלעכער זשאַבאָ.
אין סורדוט, נעט און שמאָל, ווי אויף אַ צויבער־פּעגאַז
אין הייליק־שעפערישער, דעמערדיקער שעה.

עס זיצט אַזוי דער מאַן מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן,
די פינגער פאַלן צו קלאַווישן מיט באַריר, —
און ס׳האָבן כישופן אין הימלען זיך צעפלויגן
פון איבער ווייסן, קאַלטן, מאַרמאָרנעם קלאַוויר.

נאָקטורן... פּאָלאָנעז... אַנדאַנטע פליסן קלאַנגען,
זיי פליסן פון אַ ווייטער, חלומפולער וועלט...
אַ יונגפרוי זינקט פאַר אים, פון כישופן געפאַנגען — — —
אין פּאַרק מאָנסאָ, אין גרינעם צווייגיקן געצעלט — —

פּאַריז, 1951.

אויף פּלאַץ מאַלזהערב

אויף פּלאַץ מאַלזהערב, אין רינג פון קליינע, גרינע סקווערלעך
אַ דריילינג פּראַווועט אייביקייט אין בראָנדז און שטיין:
דער טאַטע און דער זון — די ביידע אַלעקסאַנדערס, —
און זי, די קינסטלערין בערנאַר, אין קלוגן עלטער־חן.

די גרויסע סאַרע שפּילט איר לעצטע ראָל אָן גרים שוין.
איר צושויער איז איצט די גאַנצע וועלט אַרום.
עס טוישן „בינע־שטערן" זיך, רעפּערטואַרן —
דאָך קניִען די פּאַריזער נאָך פּאַר סאַרעס רום.

און ווער עס גייט פאַרביי, און ווער עס קומט אַהערצו
פון יענער קנייפּ־קונסט פּערווערזער אויף פּיגאַל —
בלייבט שטיין אין טיפן ערנסט, שטיל ווי אַ בעל־תשובה,
אָן אַנדער בינע טוט אַ בלענד, אָן אַנדער זאַל...

און זיי, די פעדער־ריטער, אויף די פּיעדעסטאַלן —
ד״ומאַ: דער גרויסער טאַטע און דער גרויסער זון! *)
זיי וואַכן איבער פאָלק און לעבן־מיט געשיכטע,
און וועקן אַלעמען צו שיינקייט און צו זון...

עס דוכט, זיי רײדן: ס׳מײדן קריגן און רעוואָלטן...
עס טוישן ראָלן זיך און העלדן... לינקס און רעכטס...
דאָך אײביק איז פון גײסט די שײנקײט — פאָלקס פאַרמעגן! —
טאָ היט עס, דורות, אָפּ פון אַלדאָס שלעכטס...

און ס׳דוכט, עס בלאָנדזשען אום דאָ בײדנס טרײע העלדן —
די מושקעטערן דרײ, דער טראַגיש־שײנער קין.
און ס׳קומט פון מאָנמאַרטר־קבר די קאַמעליען־דאַמע
און שלוכצט און פאַלט בײם פּיעדעסטאַל אין בײמער־גרין...

אויף פּלאַץ מאַלזהערב, אין רינג פון קלײנע, גרינע סקווערלעך...

פּאַריז, 1951

---

*) אויפן זעלביקן פּלאַץ איז אויך געשטאַנען אַ דענקמאָל פון אַלעק־סאַנדער דיומא דעם זײדן — אַ גענעראַל. אָבער זײן בראָנדז־פיגור האָבן די דײטשישע וואַנדאַלן איבערגעגאָסן אין אַמוניציע...

אויף די „גרויסע בולוואַרן"

ביינאַכט אויף די „גרויסע בולוואַרן".
עס לאָקן קאַפייען און באַרן.

און טויזנטער שטראָמען געזיכטער
אין בלענד פון נעאָניקע ליכטער.

אין אַלערליי פאַרבן די פרויען:
אין שוואַרצן, אין רויטן, אין בלויען.

זיי שלייכן, פאַרשפרייטנדיק דופטן.
געלעכטערס פאַרקלינגען אין לופטן.

און מענער פון אַלע קאָלירן, —
ציוויל און אַרמיי־אָפיצירן, —

אי ווייסע, אי שוואַרצע, אי ברוינע —
געאָרעמט מיט כלה, צי זונה.

דוכט: ערגעץ אַ יום־טוב פאַראַנען,
ווו אַלע זיך ציִען און שפאַנען.

— — — — — — — — — — — — —

ביינאַכט גייסטו אויך אין די שטראָמען,
פאַרלוירן אין מענטשישע תהומען.

מיינסט: עמיצן ווערסטו געפינען,
וואָס נאָנט אין דיין האַרץ און דיין זינען;

מיט יענעם דיין עלנט דערטרינקען...
נאָר בליקן, נאָר פרעכע דיר ווינקען

פון זונהס אויף די טראָטואַרן... —
ביינאַכט אויף די „גרויסע בולוואַרן".

אַפילו ביי קירך פון מאַדלענע —
אויך דאָ ווינקט דיר איינע פון יענע.

די זיילן פון טעמפל פון פרומען,
זיי קוקן זיך צו און זיי שטומען.

— — — — — — — — — — — — —

ביינאַכט אויף די „גרויסע בולוואַרן" —
דו קאָנסט נישט דיין איינזאַמקייט נאַרן.

דיין עלנט וועט יאָגן דיך, טרייבן —
אַליין ווערסטו תמיד פאַרבלייבן — — —

פאַריז, 1951

אַלט־פּאַריז

אויף געסלעך ווייטע פון מאָנמאַרטר,
גייסט באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ.
ס׳איז דאָרפיש, שטעטלדיק. אָט זעסטו
אַ מיידל אויך נאָך מיט אַ צאָפּ.

ס׳איז זונטאָג. אויף אַ וואַנט אַ הויכער
אַפישן וועגן טענץ און שפּיל;
אַ „בודע״ ווי פון קונצנמאַכער,
און אויבן פליגל פון אַ מיל.

שטייגסט העכער, העכער. הייזלעך אַלטע.
ס׳איז יעדע קראָם — „סאַלאָן דע ל׳אַרט״.
פּאָרטרעטן, שאַרזשן, אַקוואַרעלן,
און בראָנדז, און גיפּס — פון יעדער אַרט.

אַ מאַרק געגליכן צו אַ שלאָס־מם.
אַרום — טאַווערנעס. פול, געדיכט.
דער מאַרק איז פול מיט מאַרמאָר־טישלעך.
די אויגוסט־זון באַגילדט מיט ליכט.

עס רויטלט זיך „וועז רוזש״ אויף טישלעך.
דאָס קינסטלער־פֿאָלק זיך אַמוזירט
מיט „מוזעס״ אָדער מיט „מאָדעלקעס״.
ווער ס׳קיבעצט, ווער עס ראָמאַנסירט.

אָט צייכנט ווער אויף אַ סערוועטקע
(אַ מאָלער נאָך מיט לאַנגע האָר),
און אָט אַ זקן זינגט אַן אריע —
כאָטש אָן דער שטים, ער נעמט מאַזשאָר.

און יונגוואַרג אַפּלאָדירט דעם זקן,
וואָס האָט אַמאָל געגלאַנצט מיט רום.
אין פֿרייד פֿאַראייניקט זיי צוזאַמען —
די יונגע, אַלטע פֿון אַרום.

גייסט העכער. ס׳בלאַנקט די „סאַקר קער״־קירך
מיט מינאַרעטן שטאָלץ און הויך.
אין טאָל — פֿאַריז מיט זײַנע טורעמס,
די ברעגעס ווייט אין בלויען רויך.

פֿאַריז, 1929.

מאָנמאַרטר ביינאַכט

גאַסן קליינע, שמאָלע.
ס׳פלאַמען בונט קאַפייען.
מיידלעך אויף די ראָגעס
אויסגעשמינקטע שטייען.

פּראַלט דער דזשאַז אין גאַסן,
רייסט זיך פון טאַווערנעס.
דאָ און דאָרט ביי טירן
רויטלען זיך לאַמטערנעס.

דרייען זיך שיכורים,
ווי אויף שטריק זיי גייען;
קומען צו די מיידלעך,
לאָקן אין קאַפייען.

קלאַפּן מענער־זוילן,
בלאַנקען מיידל־זאָקן.
גענעצן ווי שוך־לייט
אין די קורצע ראָקן.

שווינדן זיי, די פֿאָרלעך,
דאָרט אין יענע טירן,
וווּ לאַמטערנעס רויטע
לאָקן און פֿאַרפֿירן.

שפּעט ביינאַכט. אַ פּוסטקייט.
ס'שלאָפֿט דער מענטש פֿון זאָרגן.
נאָר אין יענע קנייפּעס
רוישט עס ביז פֿרימאָרגן.

ס'קומען ווייסע, שוואַרצע;
ס'קומען יונגע, אַלטע.
נאַקעטקייט פֿערוועֶרזע.
ליפּן — שמינקע־קאַלטע.

גרימפּלט צו אַ פּיאַנאָ,
הייזעריק קלאַווישן.
און די „מאַדמאַזעלן"
טאַנצן שוין אויף טישן.

און בעתן טאַנצן
פֿאַנגט מען זיי, די „נאַרן":

ווער עס שווינדט מיט ווערמען
הינטער די קאַטאַרן.

און ווען ס׳נעמט שוין גרויען,
ווען עס קומט באַגינען —
שלעפּן זיך אויף גאַסן
שיכורע אָן זינען.

פּאַריז, 1929

אויף פּלאַץ האָטעל דע וויל

אויף פּלאַץ האָטעל דע וויל, אויף גרינעם טעפּיך פון גאַזאָן,
אַ מחנה טויבן פלאַטערן פון הויכקייטן אַראָפּ.
זיי ווייסן: ס'וואַרטן קינדערלעך מיט אויגלעך הימל־בלוי,
וואָס וואַרפן־צו זיי ברעקעלעך — נו, טאַנצן זיי האָפּ־האָפּ.

זיי פּיקן מיט די שנאָבעלעך און זענען מלא־פרייד:
ווער זאָגט עס: „טייבלעך קוילעט מען?" פאַרקערט, מען גיט זיין ברויט.
און ס'פרייען זיך די קינדערלעך, די טייבעלעך מיט זיי.
סיי קינדערלעך, סיי טייבעלעך — זיי ווייסן נישט פון טויט...

ווישי, 1951

נאַכט אויף פּיגאַל

נאַכט אויף פּיגאַל. פון אַמורן
זינגט מען אין איטלעכן באַר.
פרויען־קעפּ. שוואַרצע פריזורן.
ס׳טרינקט זיך אין ליכט דער בולוואַר.

ס׳רייצן, עס רופן נעאָנען,
זאָגן וואָס צו אין דער נאַכט.
פרויען אויף ראָגן דערמאָנען:
נאַכט איז פאַר ליבע געמאַכט...

שטראָמט זי, די מענטשישע מאַסע —
ווייסע, און שוואַרצע, און ברוין.
ס׳ווייס נישט פּאַריז פון קיין ראַסע —
ל י ב ע נאָר טראָגט דאָ די קרוין.

ליבע אין יעדער טאַווערנע,
ליבע אין יעטוועדן באַר.
קושט מען זיך ביי אַ לאַמטערנע,
אָדער אין מיטן בולוואַר.

ווינקען פון געסלעך האָטעלן,
טונקעלע געסלעך ביים זייט.
און פון זיין הויכקייט, אין העלן,
קוקט „סאַקר קער״ *) פון דער ווייט.

קוקט זיך צו פרום, אַ פאַרטראַכטער
אונטן צו זינדיקער ערד.
רוישט דער פיגאַל אַ צעלאַכטער:
ס׳איז אים די ליבע באַשערט.

פּאַריז, 1951.

*) די קירכע „הייליק האַרץ״.

די פרוי פון פיגאַל

דו נאַרישער טראָפּ!
די פרוי, וואָס דו האָסט היינט געקושט, —
די פרוי פון פיגאַל,
געשענקט איר דיין ליבע — דיין האַרץ,
דעם בלוי פון דיין חלום,
דעם פלאַם פון דיין בלוט —
די פרוי, וואָס דו האָסט היינט געקושט,
געווען איז דיר פאַלש!
ערשט נעכטן, ערשט נעכטן,
אין שעהן פון דעמער,
אין זעלביקן דופט
פון די קישעלעך בונטע,
אויף איר ווייבלעכן ווייכן געלעגער —
געלעגן איז זי אין די אָרעמס
פון עמעצן אַנדערש — — —
און ס׳האָט יענער, פונקט אויך ווי דו —
געטרונקען דעם רייץ פון איר בליק,
דעם כישוף פון מויל
אין תאווה צעגליט — — —
און יענער ווי דו —
האָט אויך איר געמורמלט
די צערטלעכסטע רייד,

געקושט און געגלעט,
געפּלאַטערט, געגליט,
פאַרזונקען אין רויש — — — —
יענער ווי דו!

דו נאַרישער טראָפּ!
דו מיינסט, זי איז דיינע,
נאָר דיינע,
נאָר דיר זי געהערט,
פאַר דיר נאָר די פרייד
און דער רויש — —
פאַר דיר נאָר איר לייב,
איר געפּליסטער,
איר איטלעכער בויג און איר רייץ,
איר רמז, איר סוד —
— די גאַנצע מיסטעריע
ווייב! — — —

כאַ־כאַ־כאַ!
די פרוי, וואָס דו האָסט היינט געקושט, —
די פרוי פון פּיגאַל, —
געווען איז דיר פאַלש!
און דו ביסט געלעגן אין אָרעמס
פון בלענדיקן שקר אַליין — — —

פּאַריז, 1949.

דאָס „פלעצל״

ס׳איז רי דע ראָזיע אַ מוזיי
פון ייִדן מיט פּיאות און בערד,
מיט מצות אַ קיילעכדיק יאָר,
אַ ייִדיש, אַן עכטן, איר הערט.

מיט כשרע ווורשטן אַ שלל,
מיט קאַרפּן — די ייִדישע פיש!
מיט „אָדערקעס״ געלע פון גענדז —
צו „טשאָלנט״ אויף שבת צום טיש.

מיט „אוליקעס״־הערינג, מיט יי״ש,
מיט קוילעטשן, לעקעכער, טאָרט —
צו שמחות: אַ חתונה, ברית,
צי אויך ווען מען מאַכט נאָר אַ „וואָרט״.

פון קראָמען מיט בשמים זיך טראָגט
אַן איידעלער, פיינער גערוך;
פון ערגעץ אַ שויפענצטער קוקט
אַ באָבעשע טערקישע טוך.

דאָ־דאָרטן אַ „כשר״ פאַרבעט
אין עס־שטיבער ייִדישלעך־פרום;
אַ רב פון גאַליציע איר טרעפט,
ער גייט נאָך אין זאָקן אַרום.

אַ גלאַנציקער פילץ־קאַפּעלאַש
פאַרדעקט דעם רבנישן קאָפּ;
די פּאָלעס צעקנעפּלט, צעשפּרייט,
די ציצית, זיי הענגען אַראָפּ.

איר טראַכט: איז עס ממש אַ רב?
צי אפשר גאָר בלויז רעקוויזיט?...
די באָרד גאָר פון קליאַטשע געמאַכט?...
איז איצט דען נאָך דאָ אַזאַ ייִד?...

אַ שמאָלע דאָס געסל און קורץ,
מיט שולכלעך, וווּ תמיד ס'איז לער,
מיט שטעקעלעך־ייִדן לרוב,
וואָס דרייען זיך אום הין און הער.

שדכנים און מעקלערס אַ סך:
מ'דאַרף „מזונות״ פאַר ווייב און פאַר קינד.

בלחש מען קויפט, מען פאַרקויפט —
עס בליט דאָ דער האַנדל מיט... ווינט...

און גייט איר פאַרביי רי פאַווע —
צו מנחה מען בעט אייך אין שול:
אַ יאָרצייט, צום „מנין" עס פעלט,
(יום־כפור נאָר איז דאָרטן פול...).

אַ „קדושה" איר כאַפּט דאָרט אַריין,
אַ מצווה זיך כשר פאַרדינט...
— — — — — — — — — — — — —
דאָס „פלעצל" — עס איז אַ מוזיי
פון ייִדישקייט אַלטער אַצינד.

וויטעל, 1952.

אַ ד י ע, פּ אַ ר י ז!

אַדיע, פּאַריז! מיר וועלן זיכער זען אַמאָל זיך ווידער.
מען קאָן דיין שאַרם, דיין צויבער קיינמאָל, קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן.
ביסט ווי אַ פֿרוי, וואָס טראָגט דעם רייץ אין אירע צאַרטע גלידער.
ווערסט קיינמאָל זאַט מיט איר, זי ווערט דיר קיינמאָל נישט דערעסן.

כ׳וועל תמיד זען אין דמיון דיינע געסלעך און בולוואַרן,
די שמאָלע באַרג־אַרויפֿן פֿון מאָנמאַרטער, דיינע סקווערן.
די סענע־ברעגעס, בריקן, בוקיניסטן, די קלאָשארן,
די קאָפּעס אין די נעכט, וואָס לעשן זיך גלייך מיט די שטערן...

די גרינע פּאַרקן, די שאַטאָס, די דענקמעלער, מוזייען.
אַ שטאָט — אַ פֿאַרביקע געשיכטע פֿון צוויי טויזנט יאָרן!
רעוואָלטן, גיליאָטינעס. שטורעמס קומען און פֿאַרגייען,
און דו — פּאַריז! — ביסט אייביק יונג, ווי תמיד ניי געבאָרן.

ס׳איז קורץ דאָס לעבן — דאַרף מען קאָנען נעמען עס, געניסן.
ס׳איז אַלץ פֿאַר דיר — די קונסט, מוזיק, די פֿרוי, דער וויין, די לידער!
דאָס לייב איז עכט און שיין, ווען פֿייגנבלאַט אַראָפּגעריסן,
דער קערפּער זינגט די פֿולע פֿרייד דאַן אויס פֿון רמ״ח גלידער...

אַדיע, פּאַריז! איך וועל צו דיר אַמאָל נאָך ווידער קומען.
מעג זיין אַפּילו נישט אין גלאַנץ דורך דיין נצחון־טויער...
איך ווייס: רי דע ראָזיע, פּאַווע... מען וואַרט דאָרט נישט מיט בלומען...
ס'איז א ו נ ד ז ע ר דלות יידישער... ס'וואַרט אונדזער אַלטער טרויער...

אַטלאַנטישער אָקעאַן, סעפּטעמבער, 1952.

אויף הײמישער ערד

א

צום האַפּן

און אָט איז דאָס לאַנד שוין, און אָט איז דער ברעג.
עס גריסט שוין פון ווייטנס די היימישע ערד.
עס גריסט שוין דער כרמל, דער חרמון אין שניי.
דער האַפן אַלץ נאָענטער, נאָענטער ווערט.

דער הימל צעשפּילט זיך מיט בלויקייט און זון.
אַ מעוועס־געקרייז אין דער לופט אַרום שיף.
דער ים אַזוי שטיל. פונעם שטורעם קיין שפּור.
עס ברויזט אין נשמה אַ חדווה נאָר טיף.

עס צאַפּלט די חדווה און רייסט זיך פאַראויס.
שטיל גליטשט זיך די שיף צו צו שטיינערנע ווענט.
ס'איז ייִדישער ברעג. ס'איז דאָס היימישע לאַנד.
— שלום! — אַ צעהילך. ס'פּאַכען ייִדישע הענט.

ב

איבערן כביש

ס׳איז אָוונט. מיר שוועבן אויף גלאַנציקן כביש.
אַלץ ווייטער, אַלץ טיפער אין מלכות פון ייִד.
פון דאָ און פון דאָרט גריסן דערפער און שטעט
מיט לויכטנדע פענצטער פון שלווה און פריד.

עס ווינקען זיך איבער די שטערן פון הויך
מיט פייערלעך שטילע דורך גרינקייט פון סכך.
ס׳איז אָוונט. די הימלען אין קריאת־שמע פאַרטיפט.
עס דרימלען פרדסים ביים שטיינערנעם שליאַך.

מיר שוועבן, מיר שוועבן אויף גלאַנציקן כביש.
דאָס האַרץ ווי אַ פויגל עס רייסט זיך פון טיף...
אָט! ס׳ברענגט אונדז די נאַכט פון אַנטקעגן אַ שטאָט —
צעשפרייט און צעלויכטן — עס איז תל־אביב!

ג

הר־ציון

מי יעלה בהר ד׳ ומי יבוא
במקום קדשו. (תהילים)

נישט די פיס — נאָר דאָס האַרץ טראָגט מיך העכער און העכער,
אַרויף אויפן שטיינערנעם באַרג, אין דער הויך. —
איך קום פון אַ לאַנד, ווו פאַרברענט איז מיין אומה,
פאַרשוווּנדן אין פלאַמען, פאַרשוווּנדן אין רויך — — —

איך קום אויפן באַרג און איך פאַל צו די שטיינער: —
אַ גרייז־גרויער זיידע אַ קינד נעמט אין שויס.
כ׳זע ירושלים פון אַלע פיר זייטן.
עס טויכן געשטאַלטן פון דורות אַרויס.

כ׳זע מלכים אין קרוינען, כהנים אין ווייסן,
עס זינגען לויִים אַ שירה אין כאָר — — —
קיין גלות, קיין בייז — עס איז גאָרנישט געווען,
אַ חלום אַ וויסטער פון צוויי טויזנט יאָר.

ד

מ ג ד ל ־ ד ו ד

אין די געוועלבער אַלטע, טונקעלע פון מגדל־דוד,
ווו ס׳נעסטן שאָטנס הייליקע און פילן אָן דעם רוים, —
דאָרט זיצן איצט די אור־אור־אייניקלעך פון מלך דוד
און אַלע זינגען תהילים אויס און שאָקלען זיך קוים־קוים.

אויף לאַנגע בענק, ביים לאַנגן טיש אַ יונגע קינדער־מחנה:
מיט פיאות גלאַנציקע, מיט שוואַרצע אייגעלעך — מען זינגט.
מזמור שיר לדוד... — ס׳פליסט קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל.
אין הייל אין אַלטער, טונקעלער מתיקות זיך צעקלינגט.

איז וואָס, אַז אויף די מויערן — בשכנות פונעם מגדל —
דער שונא טוט אַלץ לויערן, מיט וואָפן תמיד גרייט. —
עס ליגט דאָך אונדזער מלך דאָ. עס איז דאָך קבר־דוד, —
נו, זיצן קינדער יידישע מיט תהילימלעך צעשפּרייט.

ה

אויף הרי־יהודה

איך ליג אויף אַ שטיינערנעם באַרג.
ס׳איז אונטן — די הייליקע שטאָט.
כ׳נעם אַרום דעם אַרום מיטן בליק,
די הויכקייט, די הימלען — און גאָט.

איך רייד צו די טורעמס פון ווייט.
איך שמועס מיט באַרג און מיט טאָל.
און כ׳האָב מיך אין ע ב ר דערזען.
איך האָב זיך דערזען אין אַ מ אָ ל — —

ו

צווישן זאַמדן

צווישן זאַמדן פון מדבר
אַ שטאָט זיך צעבליט, —
מיט ווייסינקע הייזער,
מיט פרייד און מיט ליד.

מיט קינדער שוואַרץ־אויגיק,
מיט מאַמעס פול חן.
מיט הימל, וואָס תמיד
איז לויטער און ריין.

אַ ברעג מיט אַ בלויקייט
פון ימישער ווייט.
צומאָל מיט געבייזער
פון שטורעמס פאַרשייט.

אַ שטאָט מיט ציפּרעסן,
מיט פּאַלמעס באַצירט.
מיט יידישע זעלנער
באַשירעמט, באַהיט...

ז

די גבורים פון יד־מרדכי

זיי רוען אַצינד אויפן זאַמדיקן באַרג,
די קברים אין שורות, באַדעקט קוים מיט גראָז.
זיי זענען געפאַלן אין הייליקן קאַמף,
געפאַלן און האָבן געוווסט גוט פאַר ו ו אָ ס...

זיי האָבן געוווסט, אַז כאָטש קליין אין דער צאָל,
דאָך ריזיק דער ציל איז און פלאַם — דער באַגער.
זיי זענען געוואָרן די שטאָלענע וואַנט
אַנטקעגן דעם שונא, וואָס טויזנטפאַך מער.

זיי האָבן פאַרשריבן מיט אייגענעם בלוט
אַ בלאַט אין מגילה פון כבוד און רום — —
עס קוקט איצט דער הימל מיט ערפורכט אויף זיי
און איבער די בערגעלעך בוקט מען זיך שטום — —

ח

באר־שבע

מיך שמידן צו די אַלטע, אַלטע ברונעמס פון באר־שבע.
אין זייער טיפער טונקלקייט יאָרטויזנטער פאַרזונקען.
עס זענען דאָ אין מדבר־היץ די אור־זיידעס געזעסן,
זיך קוויקנדיק אין שאָטן, ס׳קילע וואַסער דאָ געטרונקען.

אָט דאָ געגאַנגען איז אַמאָל־אַמאָל אַברהם אָבינו,
צי אויף אַ נידריק־קליינעם אייזעלע פאַרבייגעריטן.
אַהער פלעגט קומען אָפט נאָך וואַסער אונדזער מאַמע שרה
מיט קרוג אויף אַקסל, אָדער אין דער הויך אויף קאָפּ צעבליטן.

און ערגעץ דאָ בשכנות האָט אַמאָל אַברהם אָבינו
אין שאָטן פון געצעלט די פרעמדע אורחים אויפגענומען.
דאָ האָט ער זיי דערלאַנגט דעם פיינעם כיבוד: צונג מיט זענעפט,
וואָס איז געווען מלא טעם און זיס צו זייער גומען.

און דאָ האָט אויך אַברהם געטאָן די גוטע בשורה הערן,
אַז ס׳וועט זיין אַלטע שרה „מירצעשעם״ אַ זון געבוירן;
אַז ס׳וועלן זיינע קינדס־קינדער ווי זאַמד זיין און ווי שטערן;
אַז ס׳וועט צו זיי דאָס שיינע לאַנד כנען אַמאָל געהערן...

מיך שמידן צו די אַלטע, אַלטע ברונעמס פון באר־שבע...

ט

אין נגב

צעווישן מדבריות פון נגב
אַ ישוב אַ נייער זיך שפּרייט.
דאָ בויט מען, דאָ גראָבט מען, דאָ שאַפט מען,
דאָ ווערט שוין געאַקערט, געזייט.

זעסט פּנימער ברוינע, פאַרברענטע
פון זון, פון חמסין און פון ווינט.
תימנים מיט פּיאות געדרייטע,
תימנים מיט ווייב און מיט קינד.

דאָ לאַקט אין דער שורה פון הייזלעך
אַ גרינער, אַ שלאַנקער ציפּרעס,
און דאָרטן — אַ פּאַלמע צעשפּרייטע
דערציילט פונעם י י ד י ש ן נ ס, —

פון יידישן נס אין דער מדבר,
ווו ס׳גייט אויף אַ לעבן אויף ס׳ניי...
דאָ בויט מען, דאָ גראָבט מען, דאָ זייט מען —
און וויסטקייט צעבליט זיך ווי מאַי.

י

מאַמע רחל

קול ברמה נשמע
רחל מבכה על בניה.

דאָרט הינטער עיר ירושלים, אויף אַ דאַך פון „רמת־רחל״,
בין איך געשטאַנען לאַנג, אין שקיעה־צייט, פאַרבענקטערהייט.
ס׳איז ערגעץ נאָנט דיין עלנט קבר — פאַר דער אַלטער שטאָט בית־לחם,
וואָס ליגט אַנטקעגן אויף אַ ברייטער הויכקייט אויסגעשפּרייט.

איך האָב זיך צוגעהערט אין שטומקייט פון די שוויגעוודיקע הימלען
און האָב פון ווייט פאַרנומען, דוכט, דיין שטיל און טריב געוויין:
עס האָט דער אומגעשטילטער רויש פון טייכן בלוט און טייכן טרערן
פון דיינע גלות־קינדער צו דיין רו געטאָן דערגיין.

און ס׳הערט נישט אויף גאָר דיין געוויין אויף אַלע קינדער, וואָס געשאָכטן,
דו מאָנסט דורך טעג און נעכט פון שטומען הימל משפט, דין.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אָ מאַמע! ב י ז ן יום־הדין פאַרנעם אין טרייסט כאָטש: הערסט אין קבר,
ווי ס׳קערן אום צו זייער גבול איצט דיינע בידנע זין? — —

תל־אביב — ירושלים, 1950.

צו ישראל

עס קלאַפּט דאָס יידישע וואָרט אין דיין טויער:
— עפן מיר, לאָז אַריין!
איך קום מיט שבתים, מיט ימים־טובים.
כ׳קום מיט פרייד און מיט פיין.

איך קום מיט ניגונים אַלטע פון דורות,
מיט קדושה און מיט וואָך;
מיט וויג־ליד פון גוטע יידישע מאַמעס,
מיט שמחה און מיט בראָך.

איך קום מיט לידער פון ראָזשינקעס־מאַנדלען,
מיט פלאַפּל פונעם קינד;
איך קום מיט ברכות, מיט מאַמעשע תחינות,
מיט „ווי איז מיר און ווינד“.

איך קום מיט די טרערן פון מאַידאַנעק,
מיט זיפץ פון אָשוויענטשים — —
מיט רוף דורך שריפות, דורך געטאָס אין פלאַמען:
„ווער זשע פאַרנעמט אונדזער שטים?“...

איך קום דורך די פלאַמען, כ׳קום דורך רויכן,
כ׳קום דורך אַש און דורך שטויב.
איך קום מיטן אַלטן שמע ישראל,
מיט רום פון אויפשטאַנד, מיט לויב — —

עס קלאַפּט דאָס ייִדישע וואָרט אין דיין טויער — —

פּאַריז, 1951.

צו מיין פאָלק

(צייט־מאָטיוו)

אומזיסט האָסט דיין בלוט פיל פאַרגאָסן פאַר פרעמדע —
פאַר שונאים, פאַר „פריינט", — עס איז אָן אונטערשייד!
עס וועלן די שונאים דאָך תמיד דיך האַסן,
די „פריינט" זיינען יוצא מיט לוילעכע רייד...

עס וועלן די שונאים אין בלוט דיך דערטרינקען,
דערשטיקן אין געטאָס, אין קאַמערס פון גאַז — —
די „פריינט" פון אַרום קאָנען שענקען אַ זיפץ נאָר,
ווען דו ווערסט פאַרשלונגען אין כוואַליעס פון האַס...

די „וועלט" פון אַרום קאָן נאָר לופטערן פראַזן,
ווען חרוב דיין היים ווערט פון העלישער בראַנד — —
ס'האָט קיינער קיין האַנט דיר געשטרעקט אין סכנה,
ווען דו ביסט געשטאַנען ביים פינצטערן ראַנד!

אומזיסט האָסט דיין בלוט פיל פאַרגאָסן פאַר פרעמדע —
צו טייער איז לעבן פון העלדישע זין!
אויב בלוט — איז פאַר א י ג ע נ ע ם לעבן און פרייהייט;
אויב בלוט — איז פאַר עפּעס, פאַר עפּעס אַ זין!

פּאַריז, 1948.

אין שנײַאיקע טײַגעס

א

אַ פאָטאָגראַפיע

איך בין „פּאַראייביקט”... כ׳לאַך און קייך: קוקט אָן אָקאָרשט
דעם אַרעסטאַנט!
דעם נומער דעם פיר־ציפערדיקן פאַרנט אויף מיין ברוסט!
דעם שוואַרצן פינגער־אָפּדרוק און די ליניעס פון דער רעכטער האַנט...
אָ מיינע פריינט! אַז איך בין בויכשניידער האָט איר געוווּסט?...

דאָס העמד צעכראַסטעט אויסטערליש, די לאַנגע האָר צעשויבערט ווילד,
ווי תיכף נאָך אַ מאָרד גלייך אין דער אַטעליע געבראַכט...
אָ גאָט! באַווייז אַ נס און ווייז מיין חבר הומאָריסט דאָס בילד, —
ווי וואָלט ער זיך ביז בויכווייטאָג צעקאַטשעט און צעלאַכט!

העי פאָרזיכטיק! אָט פירט מען מיך מיט אמתער פּאַראַד־מוזיק.
פאַרשטייט זיך, רונד־אַרום אַ שומרים־קייט מיט ביקס און שווערד.
עס שרעקן קינדער זיך: „אָ מאַמע, מאַמעלע!”... און שנעל צוריק!...
עס ציטערן און שאָקלען זיך פון פחד זקנים־בערד...

איך בין „פּאַראייביקט”... כ׳לאַך און קייך: קוקט אָן אָקאָרשט
דעם אַרעסטאַנט!
ווי גערן וואָלט איך אָפּגעשיקט דעם „זכר” אין מוזיי:
למען יראו! זעט, אָ זעט דעם בויכשניידער, די „שוואַרצע האַנט”!
אָ ציטער, שרעק זיך, דומע וועלט, אַז ווינד איז דיר און וויי...

ב

מיר פאָרן...

עס שניידט זיך דער צוג פונעם מערב אויף צפון,
ער שניידט זיך דורך טאָג און דורך נאַכט.
איין חלל אין קראַטן איז אויבן נאָר אָפן,
מיר זענען פון ביקסן באַוואַכט...

מיר פאָרן, מיר פאָרן... וווהין און ביז וואַנען?
עס נעמט גאָר קיין סוף נישט דער וועג.
מיר פאָרן, ווו בערן ווו ווייסע פאַראַנען,
ווו ס'איז פונעם לעבן דער ברעג...

אַלץ ווייטער, אַלץ ווייטער... פון וועלט שוין אַנטלאָפן...
נישטאָ שוין נישט דאָרף און נישט שטאָט.
נאָר „זאָנעס", נאָר „זאָנעס"... עס שמעקט שוין מיט צפון.
נאָר „זאָנעס" פאַרצאַמטע מיט דראָט...

מיר שניידן דורך וועגן, וואָס, דוכט זיך, אָן ענדע,
צו אייביקע שנייען און קעלט...
מיר זינקען, מיר זינקען אין שוואַרצער לעגענדע,
פאַרלאָזנדיק לעבן און וועלט — —

ג

די „זאָנע"

אַ הויפן באַראַקן מיט נאַרעס —
דער טאָל פונעם מענטשלעכן וויי...
זומער — מיאַזמען, קאָמאַרעס,
ווינטער — אין ימים פון שניי.

אַרום נאָר די סופּלאָזע טייגעס,
קיין סימן פון לעבן, פון וועלט.
פאַרוועלקסטו אין עלנט און דאגות,
ווי בלומען אין פראָסט און אין קעלט...

ד

איך קוק פונעם באַרג...

איך קוק פונעם באַרג: יאָ, ס׳איז פּרעכטיק אַרום —
דער וואַלד, און די בערג, און דער פליין;
דאָס טייכל טשיביו, וואָס עס שלענגלט זיך קרום,
די פאַרבן פון זון ביים פאַרגיין.

יאָ, פּרעכטיק אַרום, דאָך עס ווייעט מיט קעלט,
און כ׳פיל נאָר אַ האַס און נישט ׳מער.
דאָס איז נישט מיין שיינקייט, דאָס איז נישט מיין וועלט —
ס׳האָט גורל פאַרוואָרפן אַהער!

ה

אויפן ווייטן צפון...

אויפן ווייטן צפון,
אין דעם ים פון שניי,
שטום גייט אויס דיין האָפן,
לעשסט זיך אויס אין וויי.

אין דעם יאָך געבויגן,
אין דער טייגעס קעלט —
קוקן דיינע אויגן
צו דער ווייטער וועלט...

טאָמער וועל איך פאַלן
אונטער האַק און זעג —
זון! דורך דיינע שטראַלן
כ׳גריס מיין היימיש ברעג!...

ו

איף די נאַרעס

צעקנאָדערטע מאַסע פון גופים,
אין לאַכעס, אין טראַנטעס פאַרהילט.
עס סטאַרטשען צעוויטאָגטע אברים,
אַזוי ווי פאַרגליווערט, פאַרקילט.

צעבראָכן פון יאָך און פון פראַצע
אין טייגע מיט זעג און מיט לאָם —
איז ליגט זי, די מאַסע פון גופים,
פאַרזונקען אַזוי ווי אין תהום.

עס טרעפט, אַז עס זעט ווער אַ חלום:
אַ ליבסטע, אַ פרוי און אַ קינד...
ווי איינער, וואָס עפנט די אויגן,
וואָס לאַנג, לאַנג געווען זיינען בלינד...

באַר ברודיקע מאַסע אין ענגשאַפט
אַ חלום אַזאַ באַלד דערדריקט...
און שפּעטער דער בעל החלומות
אין טרערן אין הייסע שוין ליגט...

עס ברעכן די גלידער פון מידקייט,
פון פראַצע, פון טייגע, פון עול...
וואָלט דויערן אייביק דער חושך,
קיין טאָג זאָל נישט זיין גאָר קיינמאָל...

נאָר ס׳הילכט באַלד — „פּאַדיאָם!״ *) — און די נאַרע
צעראָיעט זיך פונקט ווי אין מיסט.
אין דרויסן — אַ פראָסט אַ צעגליטער,
אַ חושך אין טייגע און וויסט.

— העי מאַרש! העי דאָרט, ווייטער געגאַנגען! —
עס טאָפּטשען אין שנייען די טריט.
עס קלעפּן זיך אַלץ נאָך די אויגן,
עס ברעכט נאָך אַיעטוועדער גליד.

עס קריכן אַזוי די בריגאַדעס
דורך טייגע, דורך נאַכט און דורך שניי...
פאַרוואָס? און פאַרוועז? און פאַר וועמען?...
עס רופט זיך נאָר אָפּ די זאַוויי...

---

*) אויפשטיין!

ז

בריגאַדעס

גערענדיקט דער טאָג שוין אין וואַלד.
די „פּראָסיעקעס״ *) אַלע געמאַכט.
דיביימער אין סטאָסן צעלייגט.
געוואָרן מיט מזל איז נאַכט.

עס קלייבן זיך מענטשן צונויף,
פאַרהונגערטע, מיד אין דער ריי.
ווי שאָטנס אין טייגישער נאַכט
עס טאָפּטשען בריגאַדעס אין שניי.

אַ שווייגן. מען רעדט נישט קיין וואָרט.
קיין כוח צו ריידן נישטאָ.
פון פינצטער ביז פינצטער. דער טאָג —
קיין אָנהייב, קיין סוף האָט ער דאָ.

מען ציט צו באַראַקן — די „היים״ —
פאַרצוימטע מיט שטעכיקן דראָט.
פאַרוואָרפן פון לעבן און וועלט,
פאַרבאָרגן פון מענטש און פון גאָט...

עס וואַרטן דאָרט נאַרעס אין קויט,
און קורץ איז די רו דאָרט אויף זיי.
ווי שאָטנס אין טייגישער נאַכט
עס טאָפּטשען בריגאַדעס אין שניי.

ס׳איז שווער איצט צו טראָגן די האַק,
ס׳איז שווער איצט די זעג און דער לאָם.
און שווער אויך דער אייגענער גוף.
ס׳גלוסט פאַלן איצט כאָטש אין אַ תהום!...

עס טאָפּטשען בריגאַדעס אין שניי — — — —

---

*) וואַלד־וועגן, אויסגעהאַקטע דורכגענג.

ח

עס רוישן שמאָלע טורימלעך...

עס רוישן שמאָלע טורימלעך אין תחום פון נאַפּט.
דאָ לעשן קנעכט זיך אויס און זייער לעצטע קראַפט.

עס שפּריצט מיט שוואַרצער פליסיקייט פון אונטער זיי.
עס ציִען זיך די טורימלעך אַ גאַנצע ריי.

נאָר אין די נעכט די פינצטערע, צעווישן וואַלד און וואַלד,
די טורימלעך ווי תליות סטאַרטשען. ס'ווערט דיר קאַלט.

און הערסט פון דאָ און דאָרט אַ קרעכצן, אַ געהויל
ווי פון געהאַנגענע — און ס'נעמט דיך דורך אַ גרויל.

זיי בעטן זיך, זיי פלוכן מיט דער לעצטער קראַפט —
דאָרט פון די הויכע שמאָלע טורימלעך פון נאַפּט.

ט

די ווייסע נעכט

די ווייסע נעכט דאָ זענען נישט פאַר שיינקייט...
ס׳ליגט קיינער נישט אויף זיי קיין ביסל אַכט.
עס צויבערט קיינעם נישט די פּראַכט פון הימל,
זיין פאַרבן־שפּיל אין טייגעס צוועלף בייטאַכט.

די ווייסע נעכט, זיי ווערגן נאָר די שקלאַפן:
צוויי שיכטן אַרבעטן אין ווייסע נעכט...
ס׳הערט גאָרנישט אויף אין טייגע גרילץ פון זעגן.
עס קרעכצן אינעם יאָך די בידנע קנעכט.

אין ווייסע נעכט צעהוליען זיך אינזעקטן,
צעבייסן לייב און פּנים פונעם שקלאַף.
די ווייסע נעכט דאָ זענען נישט פאַר שיינקייט —
און ס׳שילט דער מענטש הערדריקטער גאָטס באַשאַף! — — —

י

קיינמאָל נישט...

קיינמאָל נישט קיין בלוט פאַרגאָסן,
נישט געשאָכטן פרוי און קינד... —
זאָגט, פאַרוואָס דער האַרבער עונש?
זאָגט, פאַר וועלכע שווערע זינד?

זאָגט, פאַרוואָס די וויסטע טייגע
און דער צאָם פון שטעכיק דראָט?
זעסט נאָר זעג, און האַק, און רידל,
און — די ביקס, וואָס תמיד דראָט...

האַקסטו ביימער, גראָבסט קאַנאַלן
סיי אין פראָסט און סיי אין ווינט. —
זאָגט, פאַרוואָס דער האַרבער עונש?
זאָגט, פאַר וועלכע שווערע זינד? — —

י״א

ווער וועט וויסן...

ווער וועט וויסן גאָר ווו יענע קאַלטע הימלען,
ווו עס שפּרייטן זיך די ווייסע ימים שניי?
ווו עס ווייזט זיך נאָר די זון ווי אויף צו להכעיס:
ווו דער חלל פול מיט האַס, מיט זיפץ און וויי?

אויב כ׳וועל אויסגיין דאָ אין די מרחקים וויסטע,
אין דער שטומער טייגע־עלנטקייט, אַליין, —
ווער וועט וויסן ווו עס איז די שטילע יאַלקע,
וואָס וועט תהילים זאָגן איבער מיין געביין?...

אוכטאַ (קאָמי־אסס״ר), 1941 —
אַק־בולאַק, 1943.

אין אַ גרויסן לאַנד...

אין אַ גרויסן לאַנד,
אויף אַ פרעמדער ערד,
אָן אַ גואלס האַנט, —
ס'איז אַזוי באַשערט.

סטעפּעס גרויס און ברייט,
עלנט ברומט דער ווינט,
הימלען קאַלט צעשפּרייט... —
זאָג, פאַר וועלכע זינד?

וועגן וויסט און לאַנג,
שטעכיק, ווילד דאָס גראָז,
פייגל אָן געזאַנג... —
זאָג, פאַרוואָס? פאַרוואָס?

ווערסטו מיד און מאַט,
ווערסטו מיד און גרוי...
גייסטו נע־ונד, —
ס'איז באַשערט אַזוי...

קוקסט אין מערב־זייט,
ווו די זון פאַרשווינדט —
ס'איז דיין היים דאָרט ווייט — — — —
זאָג, פאַר וועלכע זינד?...

אַק־בולאַק, 1943.

ערשטער מאַי 1946

(צײַט־מאָטיוו)

פלאַמיק־רויטע פאָנען
פלאַטערן אין גאַסן.
זון־באַהעלט, ווי שטראָמען
ציִען זיך די מאַסן.

יובלט וועלט פון אַרבעט,
קלינגען פרייהייט־לידער.
אַלע איין משפחה,
אַלע זענען ברידער.

ערשטער מאַי איז היי־יאָר
נאָכן וועלט־נצחון:
ס׳ליגט דעם מענטשנס שונא
טויט שוין און צעבראָכן.

אויס שוין מיט תּלינים,
לאַגער, גאַז און פלאַמען — —
פריי, איר אַלע מענטשן,
פריי, איר אַלע שטאַמען...

פלאַמיק־רויטע פּאָנען,
ס׳גריסט די זון פון אויבן.
גליט אין אַלע הערצער
האָפענונג און גלויבן...

לאָדזש, מאַי, 1946.

איבער ווייטע ימען

און וויפל נאָך וואַנדערן?...

און וויפל נאָך וואַנדערן? וויפל נאָך וואָגלען?
ווו איז יענער הימל? ווו איז יענע ערד?
ווען וועל איך צו ערגעץ אַ ברעג שוין דערשווימען?
ווו איז מיר צו לעבן און שטאַרבן באַשערט?

די וועלט אַזוי ברייט, אַזוי שיין, אַזוי הערלעך!
אין טויזנטער ריטמען דאָס לעבן צעשפּילט.
נאָר איך דריי זיך אום ווי אַ רעשטל פון חורבן,
מיט אַש אויפן קאָפּ און אין שוואַרצן געהילט.

כ'זע תמיד אין לופט נאָך דאָס אַש פון מיין מאַמען,
וואָס איז אין די אויוונס טרעבלינקער פאַרברענט.
אין שטילקייט פאַרנעם איך אַ וויטן געיאָמער,
עס ציען פון פלאַמען זיך בעטנדע הענט — — —

איז ווו זשע דען קאָן איך פון טרויער אַנטרינען?
נישטאָ אַזאַ הימל, נישטאָ אַזאַ ערד.
איך וויס: ער וועט אומעטום זיין מיין באַגלייטער,
ווו ס'איז מיר צו לעבן און שטאַרבן באַשערט — — —

וויטעל, 1952.

טעג אַזוי פּיל...

טעג אַזוי פיל שווין פון ערד,
טעג אַזוי פיל נאָך צו ערד —
ים! איך בין אין דיין רשות.
זינקט די זון העט אין דיין ווייט,
וואַכט זי אויף פון אַנדער זייט
מיט איר אייביק העלן גרוס.

קומען ווינטן מיט געבריל,
טרייבן בערג אין שדים־שפיל —
ים! איך בין איצט אין דיין מאַכט.
וואַרפט די שיף זיך הין און הער
און אין שטורעם־ווינט איך הער
ווי דער אשמדאי עס לאַכט.

קומען שקיעהס, קומען נעכט
מיט אַ שטערנדיק געפלעכט,
הימל אָרעמט זיך מיט ים.
בליצן פייערלעך אַרום:
שיפן בלאָנקען ערגעץ שטום,
אָן אַ גרענעץ, אָן אַ צאַם.

נאַכט און ים און ים און נאַכט,
און איך זינק אַזוי און טראַכט
אין אַ ווינקל אויף דער שיף:
ס׳איז מיין שיף אַ פלעמל אויך,
ווי איין פונק פון מילך־וועג הויך,
פונעם הימלס בלויען טיף.

אויב אין וויטנס זעט זי ווער,
ווי זי פלעמלט הין און הער —
טראַכט ער זיכער נישט פון מיר:
עולם קטן איבער תהום...
גלייך ווי איך קאָן פילן קוים
פון זיין דמיון אַ באַריר.

ים און נאַכט און נאַכט און ים...
בלאָנקען פייערלעך זיך סתם
אָן אַ ציל און אָן אַ וועג.
תהומען־אויס און תהומען־איין.
דוכט, ס׳וועט אייביק אַזוי זיין,
ווייט פון אויסגעטרוימטן ברעג — —

אַטלאַנטישער אָקעאַן, סעפט. 1952.

איבער ימען

צופוסנס פון די ימען ליגן האַפנס.
עס טורעמען זיך גרויסע, גרויע שטעט.
איז וועלכע ערד אין וואָגל איצט באַטרעטן?
אַזוי פיל ברעגעס דאָך דאָס אויג עס זעט.

איך ווייס, אַז וואַרטן וואַרט אויף מיר נישט קיינער,
נישטאָ גאָר אַזאַ היימישער געצעלט;
אַז האָבן האָב איך סיי־ווי־סיי אין ערגעץ
שוין קיינעם נישט און גאָרנישט אויף דער וועלט.

אַז סיי־ווי־סיי דערוואַרט מיך נאָר אַ פרעמדקייט,
אַ פרעמדער הימל ווו עס זאָל נישט זיין.
איז וועלכע ערד זאָל איך אַצינד באַטרעטן?
אַז כ׳וועל נישט קאָנען זאָגן דאָך: „ס׳איז מיין...״

אַטלאַנטישער אָקעאַן, אָקט. 1952.

פרעמדע ערד

(סאָנעט)

ס׳קלינגט אומעטיק דאָס ליד אויף פרעמדער ערד.
מעג זיין די פרעמדע ערד ווי שיין און רייך.
דערפאַר האָט אין געזאַנג זיך אַ געוויין געהערט
אַמאָל נאָך ביי אַ יעדן בבלס טייך...

די ערד, די פרעמדע ערד, וואָס דיר באַשערט,
איז תמיד צו אַ שטיף־מאַמע דיר גלייך.
דו וויאַנעסט ווי אַ פלאַנץ און ווערסט פאַרצערט
אין קאַלטן, שוואַרצן טרויערס קיניגרייך.

מדבריות... בערג... אַ פאַלמע וווּ־נישט־וווּ...
עס ברענגט דיר נישט קיין פרייד, עס ברענגט קיין רו
נישט פרעמדער הימל און נישט פרעמדער פליין.

ס׳האָט אַ געוויטער וויַיט דיין היים פאַרשעמט,
פאַרוואָרפן דיך אין וויַיטער, קאַלטער פרעמד.
דעריבער קלינגט אין ליד ביי דיר געוויין...

בוענאָס איירעס, 1955.

אונטער אַ פּאַלמע

די רחבותדיקע יוסט־צעשפּרייטע פּאַלמע
אין הייסער מדבּרס מיט,
צעווישן זאַמדן, שטעכעדיקע דערנער,
פון שׂרפה־זון צעגליט, —

די שיינע, גרינע, וווּנדערצאַרטע פּאַלמע,
זי איז מיין טרייסט געווען:
כ׳בין מיד געלעגן אין איר גרינעם שאָטן
און האָב מיין היים געזען.

מיין ליבע היים, מיין ווייטע היים צעשטערטע
פאַרלאָזן און פאַשעמט.
איך טוליע צו זיך צו דער פרעמדער פּאַלמע
אין אייביק־פוסטער פרעמד.

עס קאָן די וויסטעניש קיין רו נישט געבן
דעם וואָגלער אין זיין וועג.
די שטעכל־דערנער, ווילדע זון און ווינטן —
נאָר פלוך, נאָר פלוך פון טעג — —

פלאַטאַנאָס, 1953.

עס פאַלן צו...

עס פאַלן צו צו מיר די טונקלע וועלן שוימיקע
און קושן מײַנע טריט.
די ווילדע וואַסערן פון אָפּגרונט אָקעאַנישן,
זיי לעשן מײַן געמיט.

די אַלע פײַערן אין עלנט אָנגעזאַמלטע,
זיי שטילן אין זיך דאַן.
איך פאַל אַנידער אויפן זאַמד דעם ווײַסן, גליאיקן,
פאַרוויגט פון אָקעאַן.

אָ ווײַטער הימל! כ׳ווייס שוין דעם באַשייד פאַרהוילענעם
פון אונדזער בײַדנעם זײַן:
איין רגע בלויז קאָן ווערן אויך אַן אייביקייט,
איין שפּליטער נאָר, איין שײַן.

סאַן קלעמענטע דעל טוזשו, 1953.

אין אָוונט־רויש

אין שאָטן פון אַ ווייַנענדיקער ווערבע,
אין אָוונט־רויש פון אָקעאַן, —
מיר זענעןביידע שעהנלאַנג געזעסן.
דוכט, ס׳איז צום גליק געווען איין שפּאַן.

דו האָסט געציילט די ווייטע, ווייטע שיפן,
וואָס בלאָנדזשען אום אין שטומער נאַכט...
— „ס׳איז שיין דאָס בלאָנדזשען און ס׳איז שיין דאָס **זוכן**", —
האָסטו גערעדט צו מיר פאַרטראַכט.

— יאָ, שיין דאָס זוכן, טייערע, נאָר זאָג מיר,
צי איז אויך שיין ווען מען געפינט?
צי נאַרט נישט יעדער פרעמדער ברעג דעם זוכער?
צי איז נישט שענער ים און ווינט?

עס האָט דיין האַנט געקילט מיין הייסן שטערן,
די ווײַעס צוגעשלאָסן מיר, —
און כ׳האָב נישט מער געהאַט שוין וואָס צו פרעגן,
כ׳האָב דעם באַשייד געהאַט ביי דיר:

ס'איז פרייד דאָס אַנקערן אין פרעמדע האַפנס,
כאָטש ס'איז אַ פרייד אויף בלויז איין נאַכט.
דען מאָרגן — ווידער מיט די הפקר־ווינטן,
צו נייע ברעגעס, נייער פראַכט — — —

סאַן קלעמענטע דעל טוזשו, 1953.

אַ בוים אין סטעפּ

וואָס טראַכט דער בוים אין סטעפּ אַליין?
וואָס טראַכט ער נאַכט און טאָג?
עס קאָן דער בוים מיין חבר זיין.
כ׳פאַרשטיי זיין שטומען קלאָג.

ווי טרויעריק עס מוז אים זיין,
ווען שטורעם זיך צעקראַכט;
ווען בליצן שפּאַלטן הימלען אויף,
ווי פלאַקערס דורך דער נאַכט.

ווי שווער, ווי שווער עס מוז אים זיין
דער עלנט, — ווי אַ שטיין.
אַזוי זעט אויך מיין עלנט אויס,
אין גרויסער וועלט אַליין — — —

בוענאָס־איירעס — קאָרדאָבאַ, 1954.

אַרגענטינער פּייזאַזש

די פּלאַכקייטן פֿאַרלירן זיך אין אַלע האָריזאָנטן.
ס׳פֿאַרטשעפּעט נישט דעם בליק קיין בערגל נישט, קיין וואַלד.
עס גיסן זיך צונויף די אַלע ווייטן מיט די נאָנטן.
דאָס ווילד־גראָז אויף די פּאַמפּאַס, דוכט, ווי וועלט איז אַלט.

עס הויערן די סטאַדעס פּי ווי הפקרדיק אין גראָזן.
זיי קריכן דאָ אַרום ווי נאָך פֿון אדמס צייט.
צעווישן גרינער ווילדעניש צעהוליעט שפּרינגען האָזן,
און מחנות רויב־פֿייגל צעשרייען זיך פֿאַרשייט.

אָט רייט אַ גאַוטשאָ אָן אויף פֿערד, אין ווילד גאַלאָפּ נאָך סטאַדע.
דאָס רויע פּנים ווי פֿון קופּער, שטייף און ברוין:
דער מענטש דער סטעפּישער פֿון אַלטע אור־צייטן אָוודאי,
וואָס איז נאָך נישט פֿאַרשקלאַפֿט פֿון הערשערישער קרוין.

וווהין פֿאַרפֿירן קאָן דער צוג, וואָס שניידט זיך אין די ווייטן?
יאָ, זיכער, אַז צום סאַמע עק פֿון אונדזער ערד.
צי וויזט עס נישט אָן אור־גאָט מיר די אַלטע גוטע צייטן,
ווען ס׳האָט נאָך נישט געלעבט דער מענטש פֿון מאָרד, פֿון שווערד? — — —

אין צוג, 1954.

אין גאָלדענעם האַרבסט

פאַני־ען

דו ביסט געקומען אין מיין גאָלדנעם האַרבסט.
די זון אַ מילדע שמייכלט אַזוי קלאָר;
דער הימל שפּרייט נאָך אויס אַזוי פיל בלוי,
פאַרשפּינט אין טיפער בלויקייט טרוים און וואָר.

דו ביסט געקומען אין מיין גאָלדנעם האַרבסט.
אויף בוים עס געלבט זיך שוין די בלעטער־קרוין;
אין נעכט צעזיפצט זיך וואַלד מיט פאַרגעפּיל,
אַז נאָענט דער ווייסער, טויטער ווינטער שוין.

דו ביסט געקומען אין מיין גאָלדנעם האַרבסט.
געבראַכט האָסט מיר דעם הויך פון עבר־טעג;
די גרענעץ אָפּגעמעקט פון אָ נ ה י י ב און פון ס ו ף, —
און ס׳דוכט, עס הייבט זיך אָן גאָר א י צ ט דער וועג — — — —

וויזשאַ פאַן דע אַסוקאַר, 1955.

אַ בערג־מעשהלע

אויפן רוקן פון באַרג טשאַמפּאַקי *)
אַ וואָלקן צעשפּרייט האָט זיך ברייט.
ס׳איז דער וואָלקן אַ ווייסער ווי שניי,
אין מנוחה ער ליגט שטומערהייט.

ר׳איז פאַרחלומט און קוקט אין דער זון
אַריבער דעם שטיינערנעם תהום,
ווו עס רוישן די וואַסערן ראַש,
ווו ס׳זינגט אַלץ כסדר דער שטראָם.

און ס׳געפעלט אים, דעם וואָלקן, די רו:
פון וואָגלען אין הימלען שוין מיד.
ר׳וואָלט שוין ווען דאָ אייביק אַזוי
פאַרבלייבן און הערן דאָס ליד.

נאָר די ווינטן די בייזע פון וועלט,
פול קנאה צו אים אין זיין הויך, —
האָבן בייז זיך געוואָרפן אויף אים,
צעבלאָזן אַזוי ווי אַ רויך.

ווידער נאַקעט ליגט דער טשאַמפּאַקי,
אַריבער דעם פעלזיקן תהום;
און ווי תמיד דאָס וואַסער־גערויש,
און ווי תמיד דער זינגענדער שטראָם.

מינאַ קלאַוועראַ, 1954.

*) איינער פון די העכסטע קארדאַבער בערג.

דאָס טייכל אין די בערג

דאָס קלאָרע טייכל אין די בערג דערציילט, דערציילט פון אייביקייט.
עס זינגט אַזוי אָן סוף אין קרומען שטיינער־וועג:
ווי אַ בציבורדיק און שטענדיק דאַוונען, אָן הפסקה גאָר,
אַ לאַנגער הלל, וואָס עס רוישט דורך נעכט און טעג.

עס קוקן גוט און פרום אַרויס געוואַשענע, געלייטערטע
די ווייסע שטיינדעלעך פון וואַסער־דעק, פון טאָל.
און איבער טייכל נייגן זיך די ווייַנענדיקע ווערבעס שטום
און ציִען אויס, ווי גרינע ליכט, די צווייגן שמאָל.

איך ווער אַזוי פאַרוויגט אין שטיינער־טאָלביים טייכל רוישיקן:
עס גלעט דאָס ליד פון אייביקייט, פון אייביק ז יי ן...
אַפילו ס׳מינדסטע שטויבעלע איז זיך מצרף פרום
אין לויב צום אייביקן באַשאַף — וועלט־אויס, וועלט־איין...

מינאַ קלאַוועראַ, 1954.

צווישן שטילקייטן

פון צווישן די הויכקייטן,
פון צווישן די שטילקייטן,
אין שלייער פאַרהילט;
אַ ווייסן, גערלייטערטן,
אין זון־ליכט באַגילדעטן —
כ׳האָב שדי דערפילט.

אין ציטער אין הייליקן
אַ וואָרט האָט געריסן זיך
ביי מיר פון דער טיף:
„מאַידאַנעקו!״ — — — דערוואַרטנדיק:
ער וועט עס באַשיידן מיר
אין שכינהשער זיו.

נאָר ווי! ס׳האָט דאָס שדים־וואָרט,
דאָס שוואַרצע, דאָס בלוטיקע
אים אַנטרינען געמאַכט:
אין שאַנד, אַ פאַרזינדיקטער,
אין וואָלקנס פאַרהוילן זיך...
כ׳בין געבליבן מיט נאַכט.

ווישאַ פאַן דע אַסוקאַר, 1955.

פאַרנאַכטיקער וועג

אונטער מאַטע, פאַרטונקלטע הימלען,
אויף פאַרנאַכטיקן וועג,
ס׳וויינען ווערבעס ביי פינצטערע ראָזן,
מאַכסט דעם חשבון פון טעג.

טעג פון ליכט, טעג פון זון שוין פאַרלאָשן,
אַלץ צערונען ווי שטויב,
אַלץ צעטרענצלט — די פרייד, די חלומות,
ווי אַ שוועב פון אַ טויב.

אונטער מאַטע, פאַרטונקלטע הימלען...
ס׳איז דער וועג אַזוי באַנג.
ס׳וועט אין חשכות קיין זון נישט אַ בלענד טאָן,
און די נאַכט אַזוי לאַנג — —

בוענאָס איירעס, 1955.

יאַנוש קאָרטשאַק מיט זיינע קינדער

קינדער יידישע פון שול־פּאַלאַצן ווייסע!
כ׳וועל דערציילן אייך אַ טרויעריקע מעשה:

אויך פון קינדער, פּונקט ווי איר, פון טאַטן־מאַמען.
ס׳האָבן ווילדע חיות זיי געיאָגט אין פלאַמען...

מ׳האָט זיי פון אַן אָרעם קינדערהיים גענומען —
אַלע ווי די קנאָספּן, אַלע ווי די בלומען...

ס׳האָט דער לערער קאָרטשאַק זיי געטאָן באַגלייטן;
האָבן זיך געטוליעט איינער צו דעם צווייטן...

און אַזוי אין גאַסן לעצטן וועג געגאַנגען...
איבער זיי דער הימל טרויעריק געהאַנגען.

ס׳האָט געטריפט מיט טרערן פון אַ וואָלקן טריבן,
ווען די דייטשן־רוצחים האָבן זיי געטריבן...

ס׳האָבן גאָר די קינדער נישט געקאָנט זיך שיידן
פון דעם גוטן לערער, פון דעם גוטן זיידן...

איז דער גוטער לערער אויך מיט זיי צוזאַמען
לעצטן וועג געגאַנגען, אין דעם גרויל פון פלאַמען...

קינדער יידישע פון די פּאַלאַצן ווייסע!
נישט פאַרגעסט קיינמאָל די טרויעריקע מעשה:

פון דער גרויסער ליבע, וואָס עס האָט קיין ברעגעס,
פון דער טרייסט, וואָס מונטערט ביז די לעצטע רגעס...

אין די שול־יום־טובים, אין די שפּילערייען,
ווען איר טוט מאַרשירן אין די גלייכע רייען,

ווען איר שפּרייט פאַנאַנדער די בלוי־ווייסע פאָנען —
יענעם לערער, קינדער זאָלט איר אויך דערמאָנען...

בוענאָס־איירעס, 1954.

פון ווילנער פּאַרטיזאַנישע...

(אויפן טויט פון שמערקע קאַטשערגינסקי)

פון ווילנער פּאַרטיזאַנישע ביסטו צו אונדז געקומען,
אין געטאָ ווילנע האָט געריפּט דיין מוט אין פּיין און צער.
פאַר קינדער פאַר געשאָכטענע נקמה האָסט גענומען,
פאַר מאַמעס פאַר געקוילעטע אין גריבער פון פּאָנאַר...

פון ווילנער פּאַרטיזאַנישע ביסטו צו אונדז געקומען,
ווען שונא איז געלעגן שוין באַשפּיגענער אין שאַנד.
געקומען אַ צעזונגענער, ווען טייכן בלוט פאַרשוווּמען,
אין געטאָ־חורבות אויסגערויכערט שוין דער לעצטער בראַנד...

פון ווילנער פּאַרטיזאַנישע — מיט ווילנעס ליכט און גלויבן!
באַפליגלט האָסט פאַראָבלטע מיט פרייד און מיט געזאַנג.
דו האָסט אַליין געשוועבט און אַנדערע מיט זיך דערהויבן,
אַריבער אַש צעשפּרייטן — אין גאולה׳ישן געקלאַנג...

פון ווילנער פּאַרטיזאַנישע ביסטו צו אונדז געקומען,
געקומען אַ צעזונגענער צו אונדז, אין אונדזער מיט.
נאָר ווי! ביסט ווי אַ טרוים אין לעצטן אָדלער־פלי פאַרשוווּמען,
און נישט געענדיקט נאָך, און נישט דערזונגען נאָך דיין ליד — — —

בוענאָס איירעס, מאַי 1954.

פון בוך: „ווערבעס ביים וואסער“

אַ פּרעמדע

אַ פרעמדע איז געוועזן דאָס הויז פון טאַטע־מאַמען.
אַ לעבן אָפּגעלעבט צעווישן פרעמדע ווענט.
קיין בוימל און קיין איינציק שטיין, וואָס זאָלן שטאַמען
פון היים ירושהקער — די מי פון אבות׳ הענט.

דעריבער האָב איך קיינמאָל נישט וווהין צו קומען
אין טעג פון נע־ונד, מיט שטומער גרויער פּיין.
מיך נעמט נאָר אויף דאָס פעלד מיט ווערבעס, ווילדע בלומען,
נאָר ס׳עפנט זיך קיין היימיש טיר, איך זאָל אַריין.

אין אייגן אָרט איז איצט מיין טאַטנס קליין פאַרמעגן:
די ד׳ אמות, וואָס ס׳איז איטלעכן באַשערט.
אַהין קום איך צוגיין אַמאָל פון אַלע מיינע וועגן,
און דאָ דערשפיר איך ערשט די היימישקייט פון ערד.

וואַרשע, 1931

אַ שטאָטישער פּייזאַזש

איך זוך מיר אויס אין שטאָט די ווייטסטע־ווייטע פּלעצער
צעוואָרפן, פּשוט אָרעמע, דאָ־דאָרט אויף באַרג און טאָל.
כ׳האָב ליב די אַלטע פאַרקאַנטעס, דעם קינדער־שפּיל אויף קלעצער,
די כאַטקעס, קליינע הילצערנע, וואָס ריידן פון אַמאָל...

עס איז מיר דאָרטן נאָענט די אָרעמקייט, די בלייכע, גרויע,
די דעכער גרין און שימלדיק. די ווענט פאַרקלעפּט מיט ליים.
און ערגעץ אויף אַ פּלאַץ אַ בידנע ציג זוכט מיט הנאה
אַ קרייטעכצל, אַ גראָז, — ווי ד אָ ר ט ן, אין מיין אַלטער היים...

אָט צופּן, פּיקן זיך צוויי הענער ביי די רויטע קאַמען,
דאָרט עפּעס אַ משוגענער מאַכט קונצן, זינגט און לאַכט.
און אָט־אָ גייט אַ פרוי פאַרביי — דערמאָנט זי מיר מיין מאַמען:
איר פּנים איז מיט קנייטשן פול און אָרעם איז איר טראַכט...

כ׳גיי ווייטער: אין אַ לוזשע קינדער באָדן זיך — אַ „מאכל!“
עס גייט אַ „שווימערײַ“ — מען רייבט זיך אָפּ אָן זאַמד דעם בויך...
איך וואָלט געשווירן — ס׳איז מיין היים! דאָס איז דעם גלחס טייכל... —
ווען פלוצלונג שוועבט נישט דורך אַ צוג מיט אימפּעט און מיט רויך...

וואַרשע, 1939.

אומעט אין שלייער

ס׳איז בליי די פרעמדקייט צווישן מויערן־גיגאַנטן,
ס׳איז גרויל די איינזאַמקייט צעווישן אַ מיליאָן.
דער אומעט שפּרייזט אַרום אין שלייער עלעגאַנטן
גאַס־איין, גאַס־אויס, ווען אָוונט שטאָטישער קומט אָן.

ר׳באַגלייט דיך אומעטום אויף אַלע דיינע וועגן:
ער זיצט לעם דיר ביים מאַרמאָר־טישל אין קאַפע;
אין קלאַנגען פון אָרקעסטער קומט ער דיר אַנטקעגן;
אין טונקל פונעם קינאָ זיצט ער ביי דיין זייט.

ער רעדט צו דיר אין צירק דורך בונטע אַרלעקינען;
ער הויכט אויף דיר אַראָפּ פון זילבערנעם עקראַן.
און קומסט אין חדר דיינעם — וועסט אים גלייך געפינען.
ער איז דאָ שטענדיק פריִער נאָך פון דיר פאַראַן.

איך זע, איך זע אים אומעטום, דעם אַלט־באַקאַנטן —
אין שענק אין רויכיקן, אין גלאַנץ פון דעם סאַלאָן...
ס׳איז בליי די פרעמדקייט צווישן מויערן־גיגאַנטן,
ס׳איז גרויל די איינזאַמקייט צעווישן אַ מ י ל י אָ ן — —

וואַרשע, 1930.

אַ שטאָט — אַ פּלאָנטער

אַ שטאָט — אַ פּלאָנטער. גאַסן — לאַנג, פּיל־וויאָרסטיקע.
ווי אָדערן געקרייצט געדיכט אַהין־אַהער.
און לעבנס אַ מ י ל י אָ ן אין נעצן האַרטע, שטייניקע.
אַן ע מ י ץ יאָגט און טרייבט מיט האַסט — ס׳וויס קיינער ווער.

און קומט דער אָוונט אָן — אַן אומרו כאַפּט די בלאָנדזשיקע,
ס׳איז יעדער טראָטואַר — אַ טייך! אַ מענטשן־שטראָם!
ס׳איז נישט לבנהס רייץ, וואָס לאָקט — זי איז אַ נסתר דאָ.
דאָס האָט אַ שד אַזאַ געעפנט דאָ אַ תהום...

און פּרוּווסטו זיך באַהאַלטן ווען אין ווינקלען איינזאַמע —
דאַן יאָגט עס דיך אַרויס: פּילסט קראַמף פון דעם מ י ל י אָ ן.
און אויף דער שטראָמען־גאַס ביסטו נישט דו — אַ שטויבעלע,
אַ שווימיק שטרויעלע, וואָס האָט נישט קיין רעזאָן.

עס רוישט דער שטראָם דער גאַסיקער, דער רויער, לאַכיקער.
עס ווערט די שטאָט פאַרכליניעט אַזש פון קאַלטער פּראַכט.
און וויל זיך ווער פאַרשיכורן פון גרויער נישטיקייט —
אַ לילית־טאָכטער גיט אים אָפּ איר טומאה־נאַכט — — — —

וואַרשע, 1930.

כ׳וויל אַנטלויפן...

כ׳וויל אַנטלויפן פון אַלץ, וואָס דערמאָנט מיר אָן טויט.
כ׳וועל זיך זעצן אין גאָרטן אין בלײַענדסטן אָרט,
ווו עס לאַכן פּיִאָנען גאָר פלאַמיק און רויט,
דער וואַסערפאַל רוישט אין אָנסופיקייט דאָרט.

אפשר וועל איך דערשפּירן דעם זינען פון צ יי ט,
וואָס וועבט זיך און וועבט זיך אין נעכט און אין טעג;
אפשר וועל איך דערגיין, אַז די ווייט איז קיין ווייט,
אפשר וועל איך דערגיין, אַז דער ברעג איז קיין ברעג — — —

דער לעצטער מענטש

ס׳וועט דער לעצט־לעצטער מענטש זיין שוין קליגער און שענער,
פול חכמה, פאַרשטאַנד פון מ י ל י אַ ר ד י ק ס ט ן יאָר.
אין די אָדערן זיינע וועט בלוי־בלוט נאָר פליסן —
געמאָסטן, געוווּיגן, ווי ס׳פּאַסט פאַר זיין דור.

ער וועט פליִען מיט פליגל ווי איצטער די פייגל
(דאַן וועט שוין פאַר פייגל צו קאַלט זיין די ערד);
ס׳וועט זיין בענקען און ליבע, זיין טרוים און זיין תאווה
דורך מאָטאָרס און דראָטן דאַן ווערן גענערט.

סיי דער גרונט פון די ימים, סיי הויך פון די הימלען —
ס׳וועט זיין פאַר אים אַלץ ווי אַן אָפענעס בוך.
אָבער קאַלט וועט אים זיין. און ער וועט זיך פאַרבענקען
נאָך פּשוטער שוואַרץ־ערד, נאָך פעלדער־געריוך.

אָבער גליווערן וועט אַלץ די זון אין די הימלען,
טויט־פעלזיק וועט ווערן די ערדישע טראַכט.
ווען עס גליקט אים אַ „וועלט־מאָטאָר" שאַפן — דאַן וואָלט ער
די אדם־ און חוה־צייט ווידער געבראַכט.

וואַרשע, 1931.

נישט פרעג!

נישט פרעג, ווער איך בין און פון וואַנען איך קום:
מיר זענען נאָר קינדער פון רגעס —
נישט מער, פרעמדער־נאָענטער פריינט!
קום, נעם מיך אַזוי ווי אַ שוועסטער אַרום.
דער נעכטן? דער מאָרגן? וואָס אַרט וועם! ניט פרעג עס!
מיר קאָנען זיך פרייען בלויז היינט!

מיר זענען נאָר רגעס... אַ ווינטלס אַ ריר...
מיר קאָנען אַ יין ניגון קוים וועבן,
און אפשר — איין ניגון אָן סוף.
היינט גאַרט מיין נשמה אויך זינגען מיט דיר —
וועט נאָך אַ פאַרב האָבן דאָס גרוי־קורצע לעבן,
וואָס פירט דאָך צום אייביקן שלאָף — —

אַ טאַנגאָ

אין אַ רוישיקער קנייפּע, פול רויך און גערייד.
כ׳האָב געקוקט אויף דיר לאַנג. כ׳בין געזעסן אַליין.
האָסט אַזוי פיל געשמייכלט, אַזוי פיל גערעדט.
דורך קאַרמיניקע ליפּלעך, ווייס־פּלאַמיקע ציין.

ס׳האָט זיך גליקלעך געשמאָלצן דיין פליכיקער מאַן,
וואָס אײַנגאַנצן באַרוישט פון דיין זוניקער פרייד. —
האָב איך אויך פון דערווייטנס געגנבעט אַ שטראַל —
אין דער קנייפּע, וואָס פול איז מיט רויך און גערייד.

אָט הויבט אָן דער אָרקעסטער אַ טאַנגאָ פאַרבענקט.
ווערסט אַנטשוויגן אין אומעט, דיין שמייכל אַוועק.
אין דער רגע געוואָרן מיר ביסטו אינטים,
ווי אַ ליד, ווי אַ ליד פון פאַרלוירענע טעג...

כ׳האָב געוואַגט און פאַרנייגט זיך, געבעטן צום טאַנץ.
ס׳איז געבליבן אַליין דאָן דיין פליכיקער מאַן.
ס׳האָט געשפּילט דער אָרקעסטער דעם טאַנגאָ פאַרבענקט.
אין מיין אָרעם געציטערט האָסטו ווי אַ שוואַן.

— ביסט דאָך שיין, ביסט דאָך שיין! — שטיל געזאָגט האָב איך דיר,
און געקוקט אין די אויגן — אין לאָקיקן תהום.
— „אָך, מיין מאַן... אַך, מיין מאַן...“ — קוים געפּליסטערט האָסטו
און מיך ווייטער געצויגן אין טאַנציקן שטראָם.

האָסט געוויגט זיך דאָ ווייט און דאָ וואַנזיניק נאָנט!
ס'האָט דיין מאַן פון דער ווייט אַזש געגליט אין זיין רויך.
נאָר די רגעס פאַרחתמעט געוועז שוין אין מיר.
אין דער קנייפּע געבליבן איז פרייד ביי מיר אויך.

ס'איז דיין מאַן דאַן אַ בייזער מיט דיר גלייך אַוועק.
כ'בין נאָך שפּעט דאָרט געזעסן אין רויך און גערייד.
כ'האָב געזען, ווי דו פלאַטערסט אין זייד־העמד און וויינסט,
ווען אַ „פליך“ האָט ג ע ז ע צ ל ע ד געמאָנט ביי דיר פרייד — — —

וואַרשע, „זשעמיאַנסקאַ“, 1931.

וואַסערפאַל

אָ אייביק־ריידעוודיקער, שוימענדיקער וואַסערפאַל!
איך שפּיר דעם טאַקט פון אייביקייט אין קלאָרן רויש ביי דיר.
איך הער אײנצייטיק: קדיש זאָגסט נאָך דעם, וואָס שטאַרבט אַוועק,
און בשורות זאָגסטו אָן פון דורות קומענדע נאָך מיר.

און ס׳קלינגט אַלצאײנס דער ניגון פון דיין מאָנאָטאָנעם ליד —
דאָס ליד, וואָס רעדט פון ניי־געבורט און פונעם טויט דעם האַר.
עס איז אין־סוף־געזאַנג, וואָס טריפט זיך טראָפּ נאָך טראָפּ,
און כ׳שפּיר אין דיר, אָ וואַסערפאַל, די אייביקייט דערפאַר.

מיט דיינע פרילינגס, וועלט...

מיט דיינע פרילינגס, וועלט, האָסטו צעפלאַמט מיין אומרו,
מיט זוניקייט האָסטו מיין בלוט צעגליט.
עס האָבן גרינע טעפּיכער אויף דיינע לאָנקעס
נישט איינגעוויגט מיין אויפגעברויזט געמיט.

דו האָסט פאַרשאָטן מיך מיט פלאַמיקע פּיאָנען,
אַקאַציעס תאווה־פול — אַ ווייסער ים!
און דיינע טעכטער ערדישע מיט ווייסע לייבער,
זיי האָבן מיך צעצונדן אין אַ פלאַם.

מיט דיינע פרילינגס, וועלט, האָסטו צעברויזט מיין אומרו.
דורך וועגן, שטעט — איך ווייס מער פון קיין רו.
איז וואָס, אַז ה אַ ר ב ס ט זינגט ווען אַ קדיש־ניגון,
צי שנייען מיינע וועגן דעקן צו? — —

לעצטער אַקאָרד

ווען ס׳וועט מיך ברענגען שוין מיין זעגל־שיפל קליינע
צום גרענעץ שווייגנדן פון י ע נ ע ם לאַנד —
אָ דאַן דערשיין פון ערגעץ־ווו, אָ ע ר ש ט ע, ריינע!
נעם אָן מיין אויסגעשטרעקטע מידע האַנט.

ס׳וועט ווי אַ חלום זיין דער ווייטער רויש פון וועלן,
און דו — אַ ווייסער שוואַן פון מידן טרוים.
און כ׳וועל דאַן מיט אַ בליק אַ זוניקן, אַ העלן
באַגעגנען יענעם שווייגנדיקן רוים — — —

אויפן רהיין

א

ס'איז יענער טאָג...

ס'איז יענער טאָג אַ ווונדער־שיינע מעשהלע געווען,
כאָטש מיינע וואָכע אויגן האָבן עס אַליין געזען.

איך בין געשוווּמען אויפן זילבער פונעם בלויען רהיין,
צעווישן בערגער הויכע, מאָכיקע פון פעלז און שטיין.

דאָ־דאָרטן בלייכן שלעסער איינזאַמע פון הויכער הויך.
ס'דערגרייכט אַהין צו זיי קוים אונדזער דאַמפּערס רויך.

ווי קליין־באַחנטע קאָרטן־הייזלעך פון אַ קינדער־שפּיל.
דאָרט זענען זיי צעווישן גרינס, די ווייסע שלעסער שטיל.

פאַרנאַכט. עס האָט די זון — דער סנה! — אויף שפּיגל זיך צעברענט.
אַ פאַרבן־שירה! ס'ציִען זיך צו תפילה־טאָן די הענט.

עס גליטשט דאָס שיפל שטיל־פאַרגאַפּט אין שטומער שרפה זיך אַריין.
און מיך, און דיך, און טייך, און פעלז — ס'שלינגט אַלץ די שקיעה איין.

און ווען די זון איז אויסגעגאַנגען מיט אַ קוש דער ערד —
אין טונקל האָט פון וואַסער־בלוי אַ מורמלען זיך געהערט.

און ס'האָט געדוכט: פון טיפעניש אַ ווייסע ווי דער שניי
טויכט אויף צעלאָקט אין דער לבנהס שיין די לאָרעליי...

ב

צום רהיין

דיין שיינקייט איז מיר פרעמד, דו שטילער, בלויער רהיין!
די ווייסע שלעסער אויף די ברעגעס דיינע הויך! —
אַז אין מיין היים כ׳האָב איינגעזאַפּט נאָר כאַטקעס קליין,
ווו פון די פענצטער אָרימע זיך שפּאַרט דער רויך...

נאָר כאַטקעס גרויאינקע מיט גרינעם שימל־דאַך
פון שינדלען דורכגעפוילט, צי גאָר פון מאָכיק שטרוי.
אַ טייכל שמאָלינקעס ביי שטעטלס סאָמע עק,
ווו שפּילן זיך האָט נישט געלאָזט אַ יעדער גוי...

אַ טייכל שמאָלינקעס, וואָס אין דער תמוז־צייט
פלעגט ווערן אויסגעטריקנט גאָר ווי מדבר־ערד.
און ברעגעס בלאָטיקע, און לאָנקעס אָרימע,
ווו ס׳האָט אַ קיעלע דאָס דאַרע גראָז פאַרצערט...

געוויסט האָט זיך דער קלויסטער בלויז דאָרט אין מיין היים;
נאָר פרעמד די זיילן, טורימער און זיין „גלין־גלאָן"...
ס׳איז נאָנט דער קליינער בית־המדרש מיר געווען,
ווו גרויע מרה־שחורה רוט פון אייביק אָן — — —

דיין שיינקייט איז מיר פרעמד, דו שטילער, בלויער רהיין!

קעלן, 1929.

ד י ע ר ד

עס איז די ערד אַ גוטע דאַך,
אַ מאַמעדיקע־גוטע. —
וואָס איז זי שולדיק דען, די ערד,
וואָס מיר באַפלעקן זי מיט בלוט —
מיט הבלס בלוט...
ו ע ר צעאַקערט זי אין קברים און בית־עולמס,
אויב נישט מ י ר! —
נישט זי, די ערד, שטילט איין איר דורשט מיט בלוט —
נאָר מ י ר!
זי האָט אַליין איר זאַפט געגנוג
פאַר פרילינגס עד אין סוף.
עס קלעקן איר די וואַסערן אין טראַכט,
דער רעגן פאַר איר פלאַך
צום שפּראָצן און געבוירן... —
זי דאַרף נישט אונדזער בלוט!
ו ע ר האָט איר אַרץ פאַרהאַרטעוועט צו שטאָל,
דעם שטאָל צו שווערד —
מ י ר!
מיר, וואָס טרעטן אויף איר שויס,
האַקן אירע וועלדער,
שניידן אירע בערגער — —

עס איז די ערד אַ גוטע דאָך,
אַ מאַמע פול מיט ברכה,
מיט ברויט און וויין,
מיט בוימאייל און מיט וואָל,
מיט מילך און האָניק...
נאָר מ י ר — די בני־בליעל — —
וואָס איז זי שולדיק דען, די ערד ?...

אלטע היים

אַ ל ט ע ה יי ם

ווי גוט עס איז צו האָבן ערגעץ־ווו
אַ היים אַ נאָנטע, ליבע,
וואָס קען אַמאָל דיר געבן זיסע רו
אין טעג אין שווערע, טריבע.

ווי גוט צו האָבן אויף דער ברייטער ערד
אַ נעסט זיך צום פֿאַרבאָרגן —
ווען אויסגעלאַכט דיין לעצטע האָפֿנונג ווערט
און פֿינצטער־שוואַרץ דיין מאָרגן — —

אַ יעדע לאָנקע, יעדער שטיין פֿון דאָרט —
ווי טייער דער נשמה!
אַפֿילו קברים פֿונעם „הייליק אָרט“
באַגעגנען מיט נחמה! — —

ליטווישע שטעטלעך

די ליטווישע שטעטעלעך, אָרעמע קליינע —
זיי ליגן צעזייט און צעשפּרייט דאָ און דאָרטן.
די הייזעלעך הילצערנע, אַלט און געבויגן
און ווו נישט ווו גרינט קוים אַ ביימל, אַ גאָרטן.

די הייזעלעך הילצערנע, שוואַרצע פון רעגן,
די קוימענס צעפּאַלענע, פּינצטערע ציגל;
די פענצטערלעך קליינע, עס פעלן ווו שויבן;
עס טראָגט זיך פון דאָרט אַ געוויין פון אַ וויגל.

די פענצטערלעך טריבע, פאַרגרינטע פון אַלטקייט;
עס קוקט דורך די שייבלעך דער פינצטערער דלות.
דאָ נייט אַ מאַשין, ס׳קלינגען מיידלשע לידער —
דאָס זענען די יידישע טעכטער, די כלות.

דאָ נייט אַ מאַשין, און דער פּאָדים ער ציט זיך,
ער ציט זיך און ציט זיך אַ זומער־טאָג לאַנגן;
דאָס פּנים ווערט בלאַסער, די אויגן מער גלאַנצן,
און בענקענדער ווערן אין האַרץ די פאַרלאַנגען.

דאָרט קלינגט פון אַ פענצטער אַ ייִנגלשער קולכל.
— נו, אמר אביי... זאָגט, קינדער, כסדר!
דאָס לערנען די ייִנגלעך ביים רבין גמרא,
עס שטאַרבט זייער לוסט אָפּ באַצייטנס אין חדר.

און ווייטער — אַ שול, אַ בית מדרש, „חסידאַרניע“,
אַ באַד מיט אַ קוימען, וואָס אָט־אָט־אָ פאַלט ער;
אַ בלאָטיקער מאַרק, אַ פיר שמאָלינקע געסלעך,
אַ ברונעם, אַ ווינט־מיל, אַ פּאַרקאַן אַן אַלטער.

פון איין עק — אַ קאָשטשאָל, פון צווייטן — אַ צערקווע,
עס סטאַרטשען די קופּאָלן הויך אין דער לופטן.
און ווייטער — עק שטעטל. אַ רויִקע גרינקייט,
אַ לאָנקע. רומיאַנעק. מחיהקע דופטן.

פון איין זייט אַ גרינער „מאָהילניק“ מיט צלמים,
פון צווייטן — דער ייִדישער שטילער בית־עולם.
מען קומט צו דעם ערשטן מיט קרענץ און געזאַנגען,
דער צווייטער, ער קען נאָר אַ קרעכצנדן עולם...

אַמדור.

ליטע

איך האָב געירשנט פון די פעלדער דיינע שטילע
דאָס שווייגן, וואָס עס ליגט צעשפּרייט אויף זיי;
דו האָסט געוועקט אין מיר די ערשטע, ערשטע תּפילה,
דעם ערשטן יונגן צער, דעם ערשטן וויי.

איך האָב פון דיינע שאַרע, בענקענדע פאַרנאַכטן
טיף איינגעזאַפּט דיין אומעט אין מיין האַרץ.
פון הימל דיינעם פון דעם אומעטיק־פאַרטראַכטן
געוווּנקען האָט צו מיר מיין מזל שוואַרץ.

פון דיינע קלויסטערס הילצערנע האָב איך פאַרנומען
דעם לאַנגזאַם־מאָנאָטאָנעם פרעמדן קלאַנג.
באַגינען אויף מיין בעט פלעגט שטיל דאָס ווייטע ברומען
אין קינדהייט־חלום וועקן מיין פאַרלאַנג.

גלין־גלאָן! גלין־גלאָן! — כ׳מאַך אויף פון זאַנפטן שלאָף די אויגן. —
אין דרויסן טאָגט; ס׳ווערט ביסלעכווייז שוין גרוי.
איך קוק צום פענצטער. שטיל און שטום. דאָרט איינגעבויגן
נאָך טרוימט דער אַלטער בוים אין טראָפּנס טוי.

איך האָב דערשפּירט אויף דיינע ברייטע, שטומע פעלדער
דעם ערשטן ציטער, וואָגלענדיק אַליין, —
ווי ס׳וואָלט די שכינה זיך אַנטפּלעקט פון הינטער וועלדער,
פאַרהילט אין בלאַסן טרויעריקן חן.

און ס׳איז מיין ליד געבוירן. ס׳האָבן ווייסע טרוימען
פון פעלדער שטומע זיך אין ליד פאַרשפּינט.
און שטיל איז עס און פרום, ווי שטיל דעם ווינטלס רוימען,
ווי פרום דיין לייך, בשעת עס בליט און גרינט.

איך האָב פאַרליבט זיך אין די סאַזלקעס די שטילע,
אין ווייסער גריקע, זאַנגען־גאָלד פון קאָרן, ווייץ;
אין דיינע שורות ווערבעס — ווי אין שטומער תפילה;
אין דיינע פאַרבן בלייכע אָן אַ רייץ.

פאַרמעגסט אויך בערג — דאָס זענען טויטע שטומע עדות
פון בלוט און קאַמפן אויף דיין מאָגער ערד.
עס ליגן שאַרבנס טיף אין זיי פון אַלטע זיידעס,
פאַרשטומט שוין לאַנג די טריט פון חיילס פערד.

אַלץ רויק שוין און שטיל, ווי ליידנשאַפט געשטילטע,
באַרוט און טיף דער זאַמד, וואָס איפן וועג.

עס קוקן פויערים אין סערמיגעס פאַרהילטע,
שטיל־טרויעריק ווי דיינע בלייכע טעג.

עס ציִען זיך די ברייטע אומעטיקע וועגן,
צעזייטע קרעטשמעס אַלטע ווי־נישט־ווו.
אַ בלינדער בעטלער טאַפּט אין וועג. די אויגן פרעגן:
צי איז נאָך ווייט אַ דאָרף, איז ווייט צו רו?

אַלץ רויִק שוין און שטיל. צעפוילטע צלמים־סלופּעס
פאַרזונקען שטייען דאָ און דאָרט אין צער.
אַ טאָפּאָל... אַ מאָהילניק... גרינע שטיינער־קופּעס...
עס לאָזט זיך ווען אַראָפּ אַ קראָען־שאַר — —

גראָדנע.

נאָוועמבער

אַזוי פֿיל גאָלד,
אַזוי פֿיל גאָלד
פֿוןביימער פֿאַלט.
עס שטאַרבן שטום
דאָס גרעזל, בלום,
עס זיפֿצט דער וואַלד.

נאָוועמבער קומט
מיט ווינט, וואָס ברומט,
מיט כמאַרעס גרוי.
אָט איז שוין דאָ
די שוואַרצע קראָ.
זי שרייט אַזוי.

זי שרייט און שעלט
די לאָנקע, פֿעלד,
וואָס אָפּגעבליט.
דער הימל, ערד —
אַלץ שטומט און הערט
דאָס קללה־ליד...

.1933

דאָס אייביקע בערגל

איך זע דעם בית־עולם, וואָס הינטער מיין שטעטל,
וואָס רוט זיך אין אייביקן פרידן פאַרטראַכט.
עס שווייגן מצבות, עס שטומען די ביימער
אין טרויער פון לאַנגער, פון אייביקער נאַכט.

עס ציִען זיך שורות פון קברים פון אַלטע
מיט ווילד־הויכע גראָזן, וואָס רירן זיך קאָם;
אין ווינקל זיך הויקערט דער הילצערנער טויער
פון אַלטן, פאַרוואָקסענעם שטיינערנעם צאָם.

דאָ בלאַנקען די מויערלעך רויטע און ווייסע,
דער אוהל פון צדיק פון הייליקן ז״ל;
דאָ שוואַרצן זיך הענט אויף מצבות פון כהנים,
דאָרט גאָלד־רויטע אותיות: „תחת הגל״.

דאָ ברעטעלעך־קברים פיל שורהלעך גאַנצע:
נשמהלעך ווייסע, אַוועק גאָר אָן זינד.
און דאָרטן אַרויף, סאַמע שפּיץ פונעם בערגל,
שוין זענען די שטיינער פאַרזונקען אַצינד.

דאָרט זענען נאָר עטלעכע אותיות געבליבן —
דער קריצער ליגט אויך שוין ווו אונטער אַ שטיין.
דאָ זעט זיך „איש תם״ נאָר און דאָרטן „פה נטמן״.
די זענען פון לאַנג שוין געלייטערט און ריין.

די זיצן פון לאַנג אויף אַ שטול אין גן־עדן
צוזאַמען מיט אבות אין קרוינען און פּראַכט;
די מיִען־זיך לאַנג פאַרן כסא־הכבוד,
עס זאָל זיך שוין עקן פון גלות די נאַכט — —

עס שפּרייט זיך פון אויבן אַ בלייערנער הימל
און הילט־איין דאָס אייביקע בערגל אַרום.
ביינאַכט, דוכט, באַוועגט זיך וואָס צווישן די קברים,
עס בלאָנדזשען נשמות אין פינצטערניש שטום.

זיי בלאָנדזשען און קוקן און לעכצן צום שטעטל,
צום ליכט־שיין פון פענצטער, וואָס ווינקען פון טאָל...
נאָר הויבט אָן דאָס פינצטערניש ביסלעכווייז בלייכן
און ס׳הערט זיך פון ערגעץ אַ לעבעדיק קול, —

דאַן טויט ווערט ווי שטענדיק. די אוהלס, מצבות
אַנטפּלעקן זיך ווידער, אויף בערגל צעזייט.
און אין דער געדיכטקייט פון גראָזן פון ווילדע
די סודות די נאַכטיקע ווערן פאַרווייט...

*

אַזוי שווימען טעג און אַזוי שווימען יאָרן...
עס גיט אויך דאָס טויער אַ סקריפּע אַמאָל:
עס קומט אַ לוויה... אַ קאַסטן אַ שוואַרצער...
עס הערט זיך אַ קדיש... אַן אָבלשער קול...

אַ ריס אַ פּאָר גרעזלעך — און אַלע פֿאַרשווינדן,
און ס׳וואַקסט אַזוי אויס פֿון די שורות די לענג...
אַזוי שווימען טעג... ס׳ווערן ווילדער די גראָזן,
די ביימלעך אַלץ טונקלער, געדיכטער און ענג...

*

און קומט אָן דער אלול — דער חודש פֿון טרערן —
מיט טרויריקע גרוסן, מיט אומעט און קלאָג, —
דאַן קומט מען פֿון שטעטל צום אייביקן בערגל,
דאָרט שוואַרצן געשטאַלטן זיך איטלעכן טאָג.

מען פֿאַלט צו די שטיינער די שוויגעוודיק־קאַלטע,
עס מורמלען די ליפּן, עס ציטערט די שטים;
עס וויגט אין דער האַנט זיך אַן אַלטיטשקער ספר
מיט פֿלעקן מיט געלע פֿון טרערן אין אים.

עס גייט אום פֿון קבר צו קבר דער חזן,
מיט נאַכט־שוואַרצער באָרד און מיט צער אין דעם בליק;
און ס׳קלינגט אַזוי טרערעוודיק: „אל מלא רחמים — — —"
אַן עכאָ פֿון וועלדל קומט וויינענד צוריק.

דאַן חברט דאָס שטעטל זיך נאָענט מיטן בערגל:
דער בעט, דער פֿאַרטרויט זיך, דער טרערן פֿאַרגיסט — —
נאָר עקט זיך דער אלול — קיין שאָטן פֿון מענטשן,
מער טרויעריק ווערט עס, מער שטיל און מער וויסט...

אין לופט ווערן שטום און פאַרגליווערט די זיפצן,
עס שטאַרבן אין גראָז אָפּ די שפּורן פון טריט.
ס'ווערט כמאַרנער דער הימל. אויף ערגעץ אַ צווייגל
פאַרענדיקט אַ פויגל זיין זומערדיק ליד.

דאַן קומען די ווינטן די טריבע און פוילע,
אַ רעגן אַ האַרבסטיקער קאַפּעט אָן סוף.
און נעכט קריכן שוואַרצע אַראָפּ און פאַרהילן
דאָס בערגל אין אייביקן פינצטערן שלאָף — —

דאַן קומען די שנייען, די טיפע, געדיכטע
און ס'ווערט אַלץ פאַרגליווערט אין ווייסקייט אַרום.
עס סטאַרטשען נאָר ערטערווייז קעפּלעך פון ביימער,
נאָר שפּיצן מצבות פאַרגליווערטע, שטום.

און נעכט קומען לאַנגע, מיט ווילדן שגעון,
עס יאָמערט דער שטורעם מיט שדימשער מאַכט.
דאַן בלאָזן זיך בערג גאַנצע אויף אויף די קברים,
ווי ס'וואָלטן די מתים אַ טורעם געמאַכט — — —

*

אַזוי שווימען טעג און אַזוי שווימען יאָרן...
עס טוישט זיך אין שטעטל אַ דור נאָך אַ דור.
עס בייטן זיך לעבנס, עס בייטן זיך סדרים, —
דאָס בערגל, עס ווערט נישט געענדערט קיין האָר.

און זעט זיך פון צווישן די קברים די פרישסטע
איין פליטע פון שוואַרצער, פון מאַרמאָרנער פראַכט —
נאָר קברים אין מאַרמאָר־גלאַנץ שפיגלען זיך אָפּעט,
נאָר שטיינער און גראָזן, פון טרויער באַוואַכט...

*

איך זע דעם בית־עולם, וואָס הינטער מיין שטעטל,
זיין אייביקן פרידן, זיין אייביקע רו;
דעם שטיינערנעם פאַרקאַן, די גראָזן די ווילדע,
דעם הימל, וואָס דעקט אים מיט טרויעריקייט צו — —

אַמדור.

ביכער פון אברהם זאַק

אַקאָרדן (לידער), גראָדנע 1918;
אַקאָרדן (לידער), צווייטע אויפלאַגע, פאַרלאַג מ. י. פרייד, וואַרשע 1921;
רגעס פון טרוים (טאַנקעס), פאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע 1919;
צווישן פיר ווענט (לידער), פאַרלאַג מ. י. פרייד, וואַרשע 1920;
אונטער די פליגל פון טויט (מלחמה־בוך), צוויי אויפלאַגעס, פאַרלאַג „די צייט", וואַרשע 3—1921;
אונטער די פליגל פון טויט (דריטע אויפלאַגע), פאַרלאַג בנימין האַרץ, בערלין־ווין, 1929;
אונטער די פליגל פון טויט (רוסישע איבערזעצונג), „גאָסאיזדאַט", מאָסקווע 1930;
אין שאָטן (נאָוועלן), פאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע 1922;
די חורבה און דער פּאַלאַץ (קינדער־מעשה), פאַרלאַג „אַלט־יונג", וואַרשע;
אַ זומער־חלום (נאָוועלן), פאַרלאַג א. י. שאַפּירא, וואַרשע 1923;
אונטער הימישע הימלען (פּיעסע אין 3 אַקטן), פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ, וואַרשע 1926;
שטאָט־קאָשמאַרן (לידער), פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ, וואַרשע 1926;
פאַניע גנב (אַ כראָניק), פאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע 1929;
די פרוי פון שטאָט (נאָוועלן), קאָאָפּ. „ביכער", וואַרשע 1931;
מיש אַש אויפן קאָפּ (לידער), פאַרלאַג „דאָס נייע לעבן", לאָדזש 1947;
יאָרן אין וואַנדער (לידער און פּאָעמען), פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום", בוענאָס איירעס 1949;
צווישן שאָטנס (דערציילונגען), פון דער סעריע „ביכער פון יידישן פּען־קלוב", פּאַריז 1950;
אין אומרו פון יאָרן (דערציילונגען און רעפּאָרטאַזשן), פאַרלאַג „יידבוך", ב. א. 1954;
פון אַלע נע־ונדן (לידער), בוענאָס איירעס 1955.

איבערזעצונגען:

פּאַר שטוב און עסטראַדע (איבערזעצונגען), פאַרלאַג א. י. שאַפּירא, וואַרשע 1938;
מצירי (פּאָעמע פון מ. יו. לערמאָנטאָוו), „נייער פאַרלאַג", וואַרשע 1921;
דער פּאָטער (פּיעסע פון א. סטרינדבערג), פאַרלאַג „די צייט", וואַרשע;
די חתנים (קאָמעדיע פון נ. וו. גאָגאָל), פאַרלאַג „די צייט", וואַרשע;
דאָס רעכט אויף ליבע (פּיעסע פון מאַקס נאָרדוי), פאַרלאַג „אונדזער בוך", וואַרשע
רודין (ראָמאַן פון א. ס. טורגעניעוו), פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ, וואַרשע;
די ערשטע ליבע (פון א. ס. טורגעניעוו), פאַרלאַג בזשאָזאַ, וואַרשע;
קלאַראַ מיליטש (פון א. ס. טורגעניעוו), פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ, וואַרשע.

ESTE LIBRO SE TERMINO DE
IMPRIMIR EL 4 DE NOVIEMBRE
DE 1955 EN LOS TALL. GRAF.
ZLOTOPIORO HNOS., GASCON
1231, BUENOS AIRES (R. A.)